STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06501

LITERARISHE SILUETN

Yitshak Goldkorn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גאָלדקאָרן

ליטעראַרישע סילועטן

פאַרלאַג פון קולטור־אמט ביים צענטראַל־קאָמיטעט
ארויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון „דזשאָינט“

1949 מינכען

קלאסיקער

מענדעלע

צווישן די פיל ווערק פון מענדעלען פארנעמען דעם אויבנאן אייניקע ערשטקלאסיקע ליטעראַרישע שאפונגען, ווי: „דאס ווינטשפינגערל", „שלמה ר' חיים'ס", „פריזיוו" א. א. וו.

אָבער נאר דאס „ווינטשפינגערל" מיט זיינע ברייטע פארביקע לייוונטן, קען סיי לויט פארמעסט, סיי לויט דערגרייכונג, פארעכנט ווערן פאר דעם מאָנומענטאלסטן ווערק פון זיידנס.

מענדעלע ווייזט דא זיין קראפט, נישט בלויז אין שילדערן אויסערלעכע אספעקטן פון מענטשן, די תנועות, „מינעס" און רעדנס־ארטן פון זיינע קאַבצאַנסקער העלדן; זיין עפישער כח דערגרייכט אויך גרויסע מדרגות ביים איבערגעבן אן אייגנארטיקן, קאמפליצירטן געמיט־צושטאנד, ווי אויך די מיליע און אטמאָספער פון דעם יידישן שטעטל.

„...דאס הייבט זיך אין אים אָן דאס איבערקערעניש פון א פריץ ווידער אין א הונט. עס שטעלט זיך פאר שמואליקן די וואָך מיט דעם הינטישן לעבן: מיט דעם ארומלויפעניש, מיט דעם קאָפּדרייעניש, מיט די חרפות, בזיונות און דעם זוכעניש דאס דאַר שטיקל ברויט — און עס באשלאגן אים אנגסטן. נאָר דער פרינץ וויל זיך אָבער אזוי גיך נישט אונטערגעבן; ער ראנגלט זיך, לאזט זיך נישט נעמען אין גיהנום אריין, פלוצים אין א הונט פארווארפן צו ווערן! ער צאפלט ער זוכט אין וואָס זיך אנצוהאלטן — טאמער איז נאך פארט דא עפעס א האפענונג, גאט קאן נאך רחמנות האבן — און די האפענונג גיט אים א שיין אין דער ברענענדיקער הבדלה. פרום, מיט פארגלאָצטע אויגן, נעמט ער זיך מאכן הבדלה „הנה אל ישועתי" — אָט איז ער, דער גאט פון מיין הילף, „אבטח ולא אפחד" — איך בין פארזיכערט און שרעק מיך נישט!... ער שמעקט און מינטערט זיך מיט בשמים, ער טרינקט פון כוס און שמירט דערפון די קעשענעס — א סגולה צו א גוטער, מזלדיקער וואָך. און די האָפענונג שיינט אים אויך אין שבת־צונאכטיקע זמירות. ער הויבט אן אויף א זיס־טרויעריקן ניגון אונטערצוזינגען „המבדיל"...

אין געציילטע שורות געלינגט דעם מייסטער־עפּיקער צו געבן אַ גלענצנדיק בילד פון דעם איבערגאַנגס־צושטאַנד אין דער פסיכיק פון קינדער און דערוואַקסענע אין דער איבערגאַנגס־צייט פון שבת־צונאַכטס, ווען ס'פאַרמאַכט זיך דער וווּנדערלעכער שלאַבאַן הינטער דער מלכה שבת, און ס'דערוואַרט נאָר אַ שטויביקע וואָכעדיקייט מיט אַלע אירע פּלאָגן...

מען טאַפּט ממש אָן די באַנגע פּינצטערניש, ווען די קינדערלעך שטיקן זיך צונויף אינאיינעם פאַר פּחד, און דאָס ווייב זאָגט גאָט פון אברהם, אויף אַ טרויעריק־זינגענדיקן קול. ס'טוליעט אויף פאַר אונדז דאָס געשטאַלט פון דעם קאַבצאַנסקן שמואליק, וואָס זיין עקזיסטענץ איז — ווי די ערד — „אָנגעהאָנגען אויף „גאָרנישט"...

די ראַנגלענישן פון דעם „הונט" מיטן „פּרינץ"; ס'איז טאַקע יציאת נשמה — יתידיה... מיר זעען אים באַשיינפּערלעך אין זיינע מעטאַמאָרפאָזעס און קאָנוווּלסיעס — דעם עקס־פּרינץ פון קאַבצאַנסק, ראַנגלענדיק זיך אויף דעם שטורמישן דאגות־ים, אין וועלכן ס'שיינט אים אויף ווי אַ לייכט־טורעם — דאָס מאַגישע הבדלה־ליכטל... שמואליק מינטערט זיך מיט די בשמים; יאָ, מיר אָטעמען איין אין זיך די דאָזיקע פיינע און טיף־קינסטלערישע שילדערונגען, וואָס זיינען בשמים פון דער יידישער פּראָזע...

מענדעלעס שאַרף־קינסטלערישע אויג כאַפּט אויף און דרינגט אַריין אין וועזן פון אייגנטימלעכע דערשיינונגען פון פאָלקס־שטייגער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רעליגיעזן ריטואַל און טראַדיציע; דאָס אויספירן פון די דאָזיקע רעליגיעזע צערעמאָניאַלן שאַפט אַ ספּעציפישן קאָנטאַקט צווישן די אויספירער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר מאַנכע מאָל אַ ביזאַר־פאַטעטישע קאָמפּאָזיציע (קידוש לבנה), אָדער אַ קאָמיש־מעכאַנישע (נאָכזאָגן ברוך שמו — אמן אויף ברכות).

יעדער ייד איז אַ מין פּערמאַנענטער רעקרוט, וואָס קען יעדע מינוט גערופן ווערן, אָדער פרייוויליק צושטעלן זיך צום ריטואַל־פּריזיוו:

...„דענסטמאָל זייט איר נישט אייערער, איר האָט איבער אייך אַליין קיין שליטה נישט גלייך ווי מען וואָלט אייך אָפּגעטאָן אַ כישוף. דאָסגלייכן טרעפט זיך מיט אייך אַמאָל, ווען איר שטייט פרימאָרגנס איז קלויז, עס שפּאַרט אייך אונטערן לעפעלע און איר האָט בדעה עפּעס צו טאָן, פלוצים שאַרט זיך, ווי אַ קעצעלע, צו עפּעס אַ ייד, שוין נאָך נקיות, שטעלט זיך פאַר אייער כבוד וועגן לעבן אייך, און, הויבנדיק די הענט איינגעהויקערט שיין, פיין, מיט אַ פרום פּנימל, הייבט ער אָן זיס־מחיהדיק די ברכות: אשר נתן לשכוי בינה, וואָס האָט דעם האָן געגעבן פאַרשטאַנד... להבחין בין יום ובין לילה, אונטערצושיידן צווישן טאָג און נאַכט; איר, אין — ברירה, ענטפערט: „ברוך־שמו, אמן!" קנייטשנדיק זיך מיט אַן ערנסט־זויער מינעלע. ער טוט אייך אַ טובה, שיט ברכות, איינע נאָך דער אַנדערער, און איר אַלץ: „אמן, ברוך שמו, אמן!" שטייט עפּעס ווי צוגעקאָוועט, נישט צו רירן זיך פונעם אָרט, ווי מען וואָלט

איך, מחילה, געמאָלקן... קויב אבער האט איר אפגעשלום-אליכמט, אפגעברכוט, אָפּגעקדושט, אפגעסילוקט אייערע אמנס, גיט איר א מאך מיט די אקסלען, טוט זיך א קראַץ, שפּיט אויס, גאנץ פיין — און גייט אייך ווידער אייער וועג''...

דער שעפער פון מייסטער-ווערק „דאס ווינטשפינגערל'', באַזיצט און באַנוצט אַזעלכע אויסדרוקס-מיטלען, שטריכן און ליניעס, וואס שאַפן א זעלטן בילד פון יידישער רעליגיעזער געמיינשאַפט; די ספּעציפישקייט פון סיטואַציעס, דער טראַדיציאָנעלער שטייגער, וואס איז געוואָרן א באַשטאַנד-טייל פון פאָלקס-לעבן, ווערט מיט א זעלטענער רעליעפקייט איבערגעגעבן אין עטלעכע מענדעלישע בילדער:

דער ייד, וואָס שאַרט זיך צו ווי א קעצעלע, און זאָגט, קנייטשנדיק זיך מיט אַן ערנסט-זויער מינעלע, די ברכות; זיין „קרבן'' וואס ענטפערט אים „שטייענדיק ווי צוגעקאָוועט, גלייך ווי מען וואָלט אים געמאָלקן''... די דאָזיקע אַלע איינגאַרטיקע מאָמענטן זיינען געמאָלן מיט אַזא פיינעם הומאָר, וואס קאָנסערווירט זיי לדורות; אָט די אַלע „קידוש-לבנה'ס ברכ.ת און קדושה'ס'', זענען אַזוי געשילדערט, אַז ס'בלייבט נאָר איבער זיי א ברכה צו מאַכן...

זייט לאַנגע צייטן איז אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור ביי יידן, ספּעציעל ביי א טייל מפורשים, קולטיווירט געוואָרן אַן איינגאַרטיקע מח-גימנאַסטיק אונטערן נאָמען פּילפּול. ווען די דאָזיקע געדאַנק-איבונגען פון די קאָמענטאַטאָרן האָבן זיך נאָך געהאַלטן אויף דער פּלאַך פון רעאַליטעט, האָבן זיי צייטנווייז באַוויזן אמתע ווירטואָזיטעט, האַלטנדיק דעם אינטעלעקטועלן עקווילִיבער אויף דעם לאָגישן שנור, אינגמיטן א ים פון סאָפיזמען; דאַקעגן ווען דער פּילפּול האָט זיך פאַראייניקט מיט דער טיראַנישער דיסציפּלין פון מעכאַנישער פאַראַלעל (גזרה שוה) און געהאַט אַלס באַזע פאַרשידענע אירעאַלע עלעמענטן: מיטאָלאָגישע היפּערבאַליק, פּרימיטיוו-אַריטמעטישע סימבאָליק פון „נוטריקון'' און „גימטראָות'' אאַ"וו — איז ער, דער פּילפּול, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינטעלעקטועלן פאַרזעעניש א. ג. „פּשטל''. דאָס איז א מאָדנע געמיש פון שאַרפזין, מאַטעמאַטיק פון איין זייט, און „בויך-סברות'', צונויפפירן מיסטיפיקאַציעס — פון דער צווייטער זייט. דער „זיידע'' וויל אונדז געבן א פּלאַסטיש בילדל, פון אַזא פּשטלער-טיפּ, שילדערט ער אונדז א סצענע, ווי א למדניש קעסט-איידעמל אין דער אַנוועזנהייט פון דעם משכיל רפאל, בויט אויף זיין פאַרקערטע פּיראַמידע, וואס פאַלט איין ביים מינדעסטן לאָגישן ווינטל:

„...— אין פלוג איז דאָך אינגאנצן דער ענין נישט רעכט. צו וואס שטייט ביי מרדכין: מרדכי היהודי? וואס לאזט דערמיט דער פסוק מיך הערן? פשיטא, ווייסן מיר דען אליין נישט, אז מרדכי איז מסתמא א ייד, מרדכי איז מרדכי, א ייד! וואס דען, מרדכי זאל הייסן א גוי, בתמיה, ווי געשיקט זיך עס?... נאר אוועקגעלייגט שוין אפילו די דאזיקע קשיא, נאך און נאך קשיות, וואס ס'איז דא צו פרעגן, אויף וועלכע עס שטעלן זיך דא אלע מפורשים, בלייבט דאָך טאקע פאָרט די אלטע קלאָץ-קשיא: פאר-

וואס ביי אחשוורשן שטייט ויאמר און ביי אסתר המלכה — ותאמר? עפּעס מוז דאָך דרינען שטעקן. היינט איז דער קוועטש פון עשרת אלפים ככר כסף, צען טויזנט זילבערנע ככר, און עשרת בני המן, אויך הארבלעך, וואס קוועטשט זיך אזוי דער פּסוק צו זאגן בייביידן, אי ביי די זילבערנע ככר׳ס, אי ביי די בני המן, דווקא צען, און וואָס וואלט אונדז געאַרט, אז עס זאל נישט געווען זיין צען?

„— יונגערמאן! פאלט ארײַן בנציען אי זדי רייד רפאל, וואס האט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאלטן, — וואס ווילט איר האבן פון פּסוק, נעבעך? ויאמר איז לשון זכר, ותאמר — לשון נקבה.

„— לשון נקבה, קען איך נישט! — צעשרייט זיך בנציע אין איין כעס, פלאַמפייער. — א שמועס בלשון זכר ונקבה, דאס קענען נאר די פראנצויזן, ימח־שמוניקעס; ויאמר — ער האט געזאגט, ותאמר — זי האט געזאגט, מיט דעם פּוץ, מיט דער מאָדע״...

ווי זאגט משה נאַדיר: — „טאטירעס!״... טאטירעס, דאס אינטעלעקטועלע קאָץ־און מויז־שפּיל, די לאָגיק פון נואנסעןן, די „קען מען האָר מאכן אן אויוון, אויס פּוטער״־ספּעקולאציע... די סאָפיסטישע, פליערן באַפּט זיך ארויף אויפן בעזעם פון מיסטיפיקאציע און פארשווינדט אין די וואלקנס פון אלערליי אומווארשיינלעכקייטן... אזא מין „קונץ איז שוין אין די אלטע צייטן באצייכנט געווארן אלס „עילא פילא בקופא דמחטא״, ד. ה. אדורכפירן א העלפאנט דורך א לעכל פון א נאָדל. דער בטלן בנציע ווערט אונדז געוויזן אין זיין לעכערלעכער איגנאָראנץ פון דיקדוק און לאָגיק, וואס איז כאראקטעריסטיש אויך פאר די נעאָ־בנציעס.

אין אנהויב 19־טן יארהונדערט איז אויפגעקומען א נייער סאציאלער טיפּ פון „מעכטיקע יידישע טשינאָווניקעס״ — דער אקציזניק. צוליב זיין „קנעפּל ב׳קנעפּל״ באציאונג מיטן מלכות, איז דער אקציזניק נאלענס־וואלענס געווארן דער וועג־ווייזער פון דער השכלה און אייראפּעישקייט. אבער צוגלייך מיט די פרישע קולטור־ווינטן, וואס האבן איבערגעלופטערט דעם פארדומפּענעם תחום־המושב — די ענגע, פערספּעקטיוולאָזע יידישע געסלעך, האט דער אקציזניקגאָוואָטאָר אויך מיטגעבראכט א היפּש ביסל לעכערלעכן גוי־סנאָביזם, וואס איז אים נאכגעגאנגען, ווי א שאטן. דער אקציזניק האט געליטן פון א „יידישקייט״־קאָמפּלעקס און נאכגעמאלפּעוועט דעם „גוי״ אויף טריט און שריט ער האט פּונקט ווי די עפּיגאָנען־„שמענדריקעס״, זיך געשעמט מיט דער יידישער שפּראך און בכלל געטאן אלע אבסורדן, אבי ס׳זאל נאָר זיין ווי ביי „זיי״. פארשטייט זיך, אז אזא „דאנקבארער״ מאטעריאל ווי דער אקציזניק, האט געמעהט צו מענדעלען — ענלעך ווי דער פּסוק צו רש״ין: „באשרייב מיך״...

דעם זיידנס שארף־סענטימענטער בליק דרינגט ווי א רענטגען־שטראַל טיף דורך אלע געוועבן און איינגעווייידן פון דעם טיפּ; ער ברענגט ארויס אלע זיינע פּנימיות — די לעכערלעכקייט און מאַניערן, ארויסברענגענדיק זיי אויף דער

קלישע פון באוווסטזיין, און עס דערשיינט פאר אונדז א לעבעדיקע געשטאלט פון דעם = אַ טיפּ מיט אַלע זיינע „טונקעלע פלעקן".

....„דער דאזיקער מין סתם = אקציזניק איז געווינטלעך א געבוירענער ערגעץ אין א יידיש שטעטל. דער טאטע זיינער, אליקום = געצל, א ייד א קבצן, א לייטישער, אנגעזעענער ארעמאן, האט אים א נאמען געגעבן פייבוש, און אים מגדל געווען, ווי דער שטייגער איז, לתורה ולחופה...

....„אצינד טראגט ער זיך דייטש, מיט דער מאָדע, מיט ווייסע קראגנדלעך, וועבלנע, אדער אפשר גאָר פאפירענע, וואס צוויי פאר א גראָשן. די האָר שמירט ער, זיי זאלן גלאנצן, אנלייגנדיק געגוג פּאָמאדע, און ביי עפּעס א שמחהלע, באשפריצט ער די קליידער מיט פארפומע, עס זאל שמעקן. זייער וויכטיק איז דאס גיין ביי אים אָן היטל, באלד ווי ער קומט ערגעץ ארן, איז איידער ער טוט אוים די קאלאָשן, נעמט פון זיך אראָפּ דעם מאנטל, שטייט ער שוין מיט א הוילן קאָפּ, און נישט דווקא אריינקומענדיק אין א הויז, וווּ מענטשן, נאר אין א וועלכן געביי ס'איז, אפילו אין סאראי, אין א שטאַל וכדומה. הכלל, אלע גויאישע זאכן, וואס פייבוש האט אנגענומען, היט ער פיל מער אָפּ ווי דער גוי אליין, ווייל וואס נייַ, איז זייער חשוב. און מער דערפון, ווייל עס פילט זיך עפּעס א באזונדער טעם אין דעם, וואס מען טאר נישט. א ציגאר, א שטייגער, יום = טוב רויכערט זיך זייער געשמאַק דעם פרומען יידן, ווייל עס קומט אים אוים עפּעס א חידוש — רויכערן ווען מען מאכט קידוש, מען עסט פיש, יויך און צימעס! און שבת א ציגאַר איז שטארק געשמאק דעם נישט = פרומען, ווייל רויכערן שבת איז פארבאטן. פייבוש שעמט זיך ריידן יידיש און שניידט, א מין גויאיש, מ'שטיינס געזאגט, אומברחמנות אזוי, אז ער מאטערט אָפּ זיך אליין נעבעך, און יענעם ווערט נישט גוט הערנדיק. ווי פערל שיטן זיך אים פון מויל הויך און שארף, נאר יענע מיאוסע זידל = ווערטער און אויך יענע ווערטער, וואס ווערן געברויכט אין די אקציזנע קאנצעלאריעס, ווי א שטייגער: „אטנאשעניע" „ראספאראזשעניע" וכדומה. פייבוש איז שוין ביי אים פע, ער לאזט זיך רופן: פאוונוטיע אקימאָוויטש, און א. שטיק געזונט קומט אים צו הערנדיק, אז דער צלם = אלהים איז פון אים אראָפּ. אזא מין שבת גיט אים אונטער שטארק חשק נאך מער פּאָמאדע ארויפלייגן אויפן קאָפּ, נאך מער קוקן אין שפּיגל און לערנען זיך האלטן די נאָז אזוי, אז זי זאל נישט ארויסגעבן אים פונוואנען ער שטאמט. אין דאָרף, אָדער אין שטעטל, ווו עס קומט אים אוים צו וווינען, רייבט ער זיך ארום די דארטיקע באאמטע און פריציםלעך, עס ציט אים, זיצן מיט זיי ביים גרינעם קאָרטן = טישל און עסן ביי איין טיש מיט זיי; איז ביי ז א חגא, אָדער א געבורטסטאג, פוצט ער זיך אוים יום = טוב = דיק, קארגט נישט אויף זיך קיין פּאָמאַדע, קיין פערפומע און קומט גוט יום = טוב אָפּגעבן מיט א פארבויג און מיט א מתנה אא"וו"...

הכלל, אונדזער פייבוש = פאוונוטיע ארבעט מעשים און קריכט פון דער הויט אבי נאר צו זיין „גויאישער פונעם גוי". מענדעלע, ווי זיין שטייגער,

אז ער מאַלט אָפּ א טיפּ, גיט ער אים מיט אַלע „פּיטשעוועקעס", ער „פּאַקט" זיין העלד אויפן אַממערסטן כאַראַקטעריסטישן מאָמענט, ווען ער „פאַרשיט" זיך, אַזוי צו זאָגן, איינגאַנצן.

מענדעלע האָט אין דער פּערזאָן פון פייבוש=פּאָוונוטיע אויף אַ גלענצנדיקן אופן פאַרקערפּערט דעם טיפּ פון משכיל=פּאַרוועני, וואָס וויל אַרויס פון זיין יידישער הויט און היט אָפּ מיט נאַוויציער=איפער און גוזמא אַלע גויאישע „דינים"...

ער כאַפּט אַראָפּ דאָס היטל אפילו ווען ער קומט אַריין אין אַ שטאַל, קאַמער וכדומה... מיט איין וואָרט: פייבוש בן אליקום, וועל פּאָוונוטיע אקימאָוויטש באַמיט זיך, אין הסכם מיטן אַלטן פּרק=געבאָט, צו מאַכן א „סיג לתורה" — אָבער דער גויאישער...

אויף דעם טרויעריקן, אָרעמען לעבן פון די יידישע פאָלקס=מאַסן אין גרויס=קאַבצאַנסק — די שטעטלעך פון „תחום" המושב אין רוסלאַנד, איז חוץ אַלע איבלען פון דלות און מאָטאַלער באַשרענקטקייט, אויך געפאַלן א פחדימדיקער שאָטן פון אַן אומדערהערטן, עקלהאַפטן און לעגאַליזירטן פאַרברעכן: קינדער=כאַפּעריי.

די צאַרישע הערשער פון רוסלאַנד, וואָס זייער דורשט נאָך עקספּאַנסיע איז געווען אומענדלעך, ווי די שטחים פון זייער מדינה, האָבן מיט יעדן פּריש=פאַרכאַפּטן באָדן — באַקומען א גרעסערן אַפּעטיט; זייערע פאַרכאַפּונגס=פּלענער האָבן געפאָדערט כסדרדיקע מענטשן=רעסורסן. די ווילדע רוסישע זעלבסטהערשערישע צאַרן האָבן דאַן איינגעאָרדנט די באַרבאַרישע אינסטיטוציע פון 25=יעריקן מיליטער=דינסט.

אויף אויסצופילן דעם באַשטימטן קאָנטינגענט, האָבן די שטעטלדיקע פּני געפינען שעיר לעזזלס אין אָרעמע, שוצלאָזע קינדער: הפקרע יתומים, יינגלעך פון דער פרעמד, וואָס זיינען געקומען צו זייערס א קרוב, וועגן א תכלית אא"וו.

ס'האָט זיך אַנטוויקלט א פּאָרמעלע מענטשן=יאַגד, גענוי ווי ביי די ווילדע מענטשן=הענדלער און פאַרשקלאַפער מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

אויף די וועגן און אין די שטעט און שטעטלעך האָבן זיך באַוויזן, פּאָרנדיק אויף קאָטשן, די „לאָוויטשיקעס" — פאַרברעכערישע רויבער, וואָס האָבן זייערע קרבנות — די עלנדע יינגלעך פאַרנאַרט מיט פאַרשידענע אויסריידן, אָדער גאָר פשוט ווי ווילדע רויב=חיות זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיי, אַריינגעשלייַדערט אין קאָטש און — ווי א שטיין אין וואַסער. די אומגליקלעכע, דאָס רוב מינדעריעריקע יינגלעך, זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן ערגעץ אין א וויטער גובערניע, אין א סאַמאַרע אָדער טאָבאָלסק, וו זיי האָבן באַקומען די ערשטע „ווישקאָלעניע" צו זייער 25=יעריקער, אונפאַרמירטער שקלאַפעריי. וועגן די דאָזיקע קרבנות (א. ג. „קאַנטאָניסטן") פון דעספּאָטישן צאַריזם, גבירישע קלי=

קעס און פּראָפעסיאָנעלע מענטשן=רויבער, „כאַפּערס“, זיינען געשריבן געוואָרן פאַרשידענע געשיכטעס, זכרונות, פאָלקס=לידער א״או.

ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז מענדעלע, מיט זיין אַלץ=אַרומנעמענדיקן איבערבליק, האָט נישט געקענט אַדורכלאָזן, נישט באַשרייבן אַזאַ עקלהאַפטן, מאָראַלישן שחין אויפן מאַרטירערישן קערפּער פון זיין געליבט=פאַראַכטעטער קליאַטשע.

אין מאָנומענטאַלן „ווינטשפינגערל“ געפינען מיר אַ ריי שאַרף=געצייכנטע טיפּן, בילדער און דראַמאַטישע סצענעס פון דער „כאַפּעריי“=פּלאָג אין יידישן „תחום“ מיט אַ הונדערט יאָר צוריק. מיר זעען די מגושמדיקע קרעאַטורן: „כאַפּערס“, עקספּאָרטערן פון „לעבעדיקער סחורה“ און אַנדערע מיאוסע פּאַראַזיטן — איבערגעגעבן מיט זעלטענער רעאַליסטישער מייסטערשאַפט; מיר זעען סימפּאַטישע געשטאַלטן פון די אָרעמע ישיבה=בחורים, וואָס ראַנגלען זיך אין דער נעץ פון די „לאָוושיקעס“=שפּינען, די אָרעמע דינסטמיידלעך, וואָס פאַלן אַריין אין די ברודיקע לאַפּעס פון געמיינע „מומעס“ און „חתנים“; און מיר דערזען, אַז דער אויסדרוק „עם קדוש“ איז נאָר באַרעכטיקט ווי אַ באַשטימטער באַגריף, אָבער נישט ווי אַן אַדעקוואַטער אָריעקטיוו פון אַן עטנישער גרופּע.

נאָכן געבן אין זיין ברייטן תקופה=ווערק אַ שלל מיט עכט=קינסטלערישע בילדער, וואָס פאַרבליפט אונדז מיט זייער רעאַליסטישן אמת, דערלויבט זיך מענדעלע די קינסטלערישע בילדער צו רעזומירן מיט אַ מאָראַלישן עפּילאָג, וואָס ער שרייבט צו דעם כראָניקער.

„אוי, ווי טיף געפאַלן ביסטו, מיין פאָלק, מיין אָרעם, אומגליקלעך פאָלק! אַלע אייערע הונדערט=טויזנטער, וואָס זענען געקוילעט געוואָרן פון טיטוס הרשע בשעת דעם גרויסן חורבן; וואָס זענען אומגעקומען, פאַרברענט געוואָרן אויפן פייער אין שפּאַניען, נאָך און נאָך אַזעלכע געשאַכטענע, אומגעקומענע — די אַלע אומגעקומענע פאַרביטערן מיר נישט אַזוי דאָס לעבן, ווי די נעז, וועלכע יידן אַליין רייסן זיך איינע די אַנדערע אָפּ, ווי די צרות און לייד, וועלכע איר אַליין טוט איינער דעם אַנדערן אָן. אויף יענע דערהרגעטע, אומגעקומענע אין פייער, אין וואַסער, האָב איך נאָך אַ טרייסט: גבורים! זיי זענען געשטאָרבן פאַר דעם פאָטערלאַנד, קדושים! זיי זענען אומגעקומען אויף קדוש=השם. אָבער געוואַלד, וואָס זאָל איך זאָגן אויף די, וואָס ווערן דערהרגעט דורך אייער בייזער צונג, אויף די, וואָס ווערן די כפּרה דורך אייך אַליין? אויף פּעטש פון פרעמדע ווייז איך און זאָג: נישקשה, גוטע און שלאָפע ליידן אָפּט אין דער וועלט. מעגלעך, אפשר, יענע וועלן נאָך אַמאָל זיך באַטראַכטן און חרטה האָבן. נאָר אַז געפּאַטשטע פּאַטשן, און צעדראַפּעטע דראַפּען, געפאַנגענע פאַנגען, געפּייניקטע פּייניקן איינער דעם אַנדערן, ווייז איך און האָב — אוי=ווי! — גאָרנישט וואָס צו זאָגן...

די פריערדיקע, פּראָפעטישע ווערטער פון דער „כראָניקער“, ד. ה. פון

ייִדן, באַקומען איצט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, אַן אייגנאַרטיקן ניי=אַקטועלן זין.

אין לעצטן נאַציאָנאַלן חורבן האָבן מיר געזען נעבן דער טראַגישער פּאַסיווער גבורה פון די מיליאָנען קדושים, הערויִשן קידוש השם פון צענד= ליקער טויזנטער ייִדן=העזיסטאַנטן, — אויך אַ פאָלקס=אָפּשוים, וואָס האָט פאַרשוועכט און פאַראַכטן די אייגענע מחנה, פאַר די האַזיקע אויסוואָרפן זענען ווי אַנגעמאָסטן די העלזעריִשע רייד פון אונדזער גרויסן ייִדן.

אין דעם קרייז פון זיין גלענצנדיקן „ווינטשפּינגערל” האָט אונדזער גרויסער קלאַסיקער אַריינגעכישופט אַ גאַנצע עפּאָכע פון ייִדישן לעבן און די שטעט און שטעטלעך פון צאַרישן רוסלאַנד.

אויף דעם אַנעמיש=בלייכן פאָן — דער „על בלימה”=עקזיסטענץ, האָט מענדעלע פאַר אונדז געלאָזן אַ פאַרביקע מענגע פון אַלערליי שיכטן און טיפּן: ס'גליט אין אונדזער פאַרשטעלונג די פאַנטאַסטישע שיין פון דעם „לומשניק” אויפן „פּריפּעטשאָק” און ס'כישופן די „מזלות” און „יהושע בן נון פון דער לבנה” אין זומער=אָוונט אויף דער „פּריזבע”.

דאָס „ווינטשפּינגערל” בלייבט אַן אומשאַצבאַר צירונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

י. ל. פרץ

דער תלמוד מאלט א פאעטיש בילד, ווי אזוי ס'איז פארצייטנס דורכגעפירט געווארן דאס באשטימען דעם חודש: אויף א ריי בערג האבן שליחים איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן סיגנאלן דורך אנגעצונדענע שייטערס. דאס דאזיקע בילד אסאציאירט זיך ביי מיר מיטן געשטאלט: פרץ. גרויסע שרייבער אין דער קייט פון יארהונדערטער גיבן איבער איינער דעם צווייטן דעם „נייעם חודש" — דעם גייסט, דורך שייטערס — זייערע לויכטנדיקע פערזענלעכקייטן.

י. ל. פרץ, דער גרויסער נאוואטאר און באפליגלטער פארמען-שעפער, האט אויסגעהאקט א פענצטער אין דער פארחושכ'טער געטא-מויער — צו דער וועלט. אין דער צייט, ווען אנדערע קלאסיקער, ווי: מענדעלע און שלום-עליכם האבן, ווער שארף-סארקאסטיש, ווער — גוטמוטיק-איראניש, אויסגעלאכט דעם מאטעריעלן, פיזישן, קולטורעלן דלות און באשרענקטקייט פון דאמאלטדיקן יידישן לעבן, די ביזהנעקייט פון די ארחי-פרחים, די חוצפה'דיקע טעמפקייט פון כל-ערליי בעל-טאקסעס, רעדל-פירער, גאט-סטראפטשעס אד"גל—איז י. ל. פרץ—דער ערשטער, וואס איז געקומען אין דער מאדערנער יידישער ליטעראטור מיט „געדאנקען און אידייען". דער קינסטלער און דענקער, וואס איז געווען א „מעין המתגבר", האט געגרונטפעסטיקט כמעט אלע פארמען פון ליטערארישן שאפן: נאוועלע, עסיי, דראמע, פעליעטאן, פאלקס-ליד קינסטלערישע פאעזיע א. א. איבעראל שלאגט דער הייסער פרצ'דיקער דופק, לייכטן זיינע וווּנדערבארע אויגן, בלענדט דער אומפארגלייכלעכער שארפזין, דאס באפליגלטע ווארט, דאס עכטע, תוכנ'דיקסטע — דאס פרצ'דיקע...

דער געשטאלטיקער פון די הערלעכע טיפן פון „חסידיש", וואס האט געגעבן א קינסטלערישן תיקון די מיסטישע תשוקות און מענטש-הערליזערישע טרוימען, וואס האבן געשלומערט אויפן באָדן פון דער פאלקס-פאנטאזיע און אין דער בענקשאפט פון די פארהערלעכטע אינדיווידואליסטן;

אַט דער אפּאטעאזירער פון די אַלע טרוימער, ל״ו־ניקעס, גאונים, משיח־זינגער אר״גל, איז פון דער צווייטער זייט גאר אין דער ווירקלעכקייט געווען אין שטענדיקן קאַמף מיט כלי־קודש, טראַדיציע. ער האָט געשטורעמט מיט זיין וואָרט, וואָס איז געווען אַ „פּטיש מפוצץ סלע" — די פינצטערניש און רעאַקציע אויף דער יידישער גאַס.

זיינע פעליעטאָנען און אַרטיקלען זענען געווען שאַרפע, פון פּאָעזיע, שטראַלנדיקן געדאַנק, בייסיקע איראָניע, פיינעם הומאָר און סאַרקאַזם.

דער באַזינגער פון די בני־היכלה־טיפן, וואָס ווילן נישט אַנצינדן מוצאי־שבת קיין ליכט — האָט איבערגעדיכטעט דאָס באַרימטע איראָנישע אַנטי־קלעריקאַלע ליד פון שאַמיסאָ, וואָס לאַכט אויס דעם מיטלאַלטער און דעם קלער:

„אַ נעכטל — פינצטער; אַ נעכטל — אַ מחיה —
נאָר היט אייך פאַר פייער, היט אייך פאַר פייער"...

פאַרשטייט זיך, אַז די פּאַטעטישע, ראָמאַנטישע אינדיווידואַליסטן, וואָס בונטעווען זיך קעגן דער גרויער וואָכעדיקייט; די שבת־יום־טובדיקע, נשמה־יתירה׳דיקע יידן, זענען — סובלימירט אין פּרץ׳ס נביאישער מענטאַליטעט און עקספּרעסיווער קראַפט — די אמתע „פּייל פון דער בענקשאַפט" פון דעם יחיד — דעם טרוימער, בונטאַר און זוכער — צו אַלץ, וואָס איז „נאָך העכער".

די האַזיקע איידעלע וועזנס זוכן דעם אמת; מיט אינערלעכן ליכט באַשטראַלן זיי די חשכות פון דעם אַלטן וועלט־מאַרק.

דער מחבר פון די „אויפזאַצן און פעליעטאָנען", פון די „יום־טובבלעטלעך", ציט די אומזעבאַרע גאָלדענע קייט פון „צווישן צוויי בערג" און בין־השמשות־בענקשאַפט — צו דער ברוינדיקער גאַס. אויך דאָ, אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט, קומט פאָר אַ קאַמף צווישן דער וואָכעדיקייט, וואָס איז גראָד פאַרקליידט אין יום־טוב־בגדים — דער טראַדיציע, וואָס גייט אין שפּאַן פון דער טאָג־טעגלעכקייט, און דער שעפערישער שבת־יום־טובדיקייט, וואָס זוכט אַ תיקון און אַ זין אין דער „וואָך"; אין קאַמף פאַר פולקאָמער דערלייזונג, שליידערט ער זיינע ווערטער־בליצן, וואָס שלאָגן, בלענדן און באַלייכטן.

אָבער נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצן מאָדערניזם און אייראָפּעישע אַספּעקטן, איז פּרץ דאָך אַ דורכאויס יידישער גאון, וואָס ציט זיין יניקה פון איר שורש.

אין תוך גענומען, איז דער „צייט־גייסט" — המשך פון אייביקע, אַלט־נייע אידעאַלן.

פּרץ, דער דינאַמישער גייסט, האָט מיט זיינע אומרואיקע אויגן געבוירט די חשכות פון די „אַלטע מערק"; ער האָט דורכגעשטראַלט, ווי אַן

עלעקטרישער שטראָם, די געביטן, וווּ די דאָקטרינערישע סקלעראָזע האָט געדראָט צו פאַרקאַלכן דאָס פרישע זינגענדיקע בלוט פון פרייהייטלעכן געדאַנק. ער האָט געשטורעמט די גייסטיקע באַסטיליעס — יעזואיטיזם, גערעגקען־שימל און היפּאָקריסטווע פון יעדן מין.

אין זיין פלאַם־פייערדיקן, באַפליגלטן „איר זענט מיין האָפנונג — איר זענט מיין שרעק" — דריקט פּרץ אויס אין א פּאָעטישער שפּראַך, די „ויחיד יתרו"־שטימונגען פונדעם אינטעליגענט און אמת־זוכער ביים אַנבליק פון דער אַנקומענדיקער רעוואָלוציע: פון איין זייט פרייד; ס'קוועלט זיין האַרץ ביים אַנבליק פון די שטורעמדיקע רויטע פייער, מאַסן, וואָס שטורמען די פעסטונגען פון דורות'דיקן שלעכטס — דעם אָפּגאָט „מאַמאָן" און זיינע מויערן און שאַנצן: סאָציאַלע אומגלייכקייט און גוואַלט־הערשאַפט; פון דער צווייטער זייט — ספיקות וועגן די, וואָס וועלן אויסגלייכן די ציעדערס מיט די גרעזלעך א. א. וו.

טרוקענע דאָגמאַטיקער, וואָס פאַרבלאָנדזשען אליין נישט אויף די שמאָלע, געדרייטע סטזשעשקעס פון דער פּערזענלעכקייט, וועלן פּרץ'ס זיגזאַגן באַצייכענען ווי אינטעליגענטישע בלאָנדזשעניש; אָבער גרויסע גייסטער גראַוויטירן, ווי פּלאַנעטן צו א צענטראַל, זוניקן קערפּער — אמת, זיי זענען מאַגנעטישע ווייזערס, וואָס ציען צו א מאַגנעטישן פאַל—ליכט; דאַקעגן שפּרינגען זיי אבער אַוועק, ווען דאָס לעצטע איז נאָר — אַן אויפשריפט...

*
* *

העכער דריי צענטליק יאָר טיילן אונדז אָפּ פון דעם מאָמענט, ווען ס'זענען אויסגעלאָשן געוואָרן פּרץ'ס וואונדערבאַרע וויזיאָנערישע אויגן, אָבער נאָך לייכט פאַר אונדז זיין „חסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". אין דער צייט, וואָס שלום־עליכם האָט מער געשלאָגן וואָרצלען אין דער בריט — הן אין קינסטלערישער היגזיכט, הן אין פאָלק — האָט פּרץ, דער טיף־פאַרוואָרצלטער אין יידישן גייסט, מיט זיינע אייביקע זוכענישן און גריבלענישן, געבראַכט צום אויסדרוק די ראַנגלענישן פון יחידישן מענטש מיט זיינע עליות און ירידות אויף דער לייטער פון „עבודה". ער האָט אויך אָן האַוואַיעס אויפגעכאַפּט אויף זיין קריסטאַלענער פעדער, די טויאיקע טרער פון דעם פאָלקסמענטש און זי געלאָזט פאַר אונדז שימערן...

*
* *

עס איז איבער אונדז דורך א מבול.

אין דער עפּאָכע, וואָס איז „גראַנדיעז", הן אין פאַרברעכנס, באַנאַנגענע לגבי אונדז, הן אין דעם מאַסשטאַב פון קרבנות, איז איבער אונדז אַריבער א ציקלאָן פון פּרעגיות'ן, געטאָס, קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן, אין אָנבליק פון וועלכן ס'ווערן בלאַס אלע תוכחות פון באָרג עבל.

מיר „למה'ן", ווי איוב'ס, מיט אטראָפירטע אויגן, אין וועלכע ס'גלאנצט נישט מער קיין טרער; אונדזערע גופים שטאַרן שווארץ — אָפּגע־סמאליעט, ווי פאַריתומטע באַלקנס פון א שריפה.

צו דעם דאזיקן תהום פון אונדזער בראָך — וואגט נישט צו גענענען קיין טרייסטער אויסער א היפאקריט. און דער דאזיקער עלנטקייט לייכטן אונדז דורך דער דורותדיקייט די ליכט פון אונדזערע גרויסע אבות, וואס גיבן איבער פון יארהונדערט־באַרג צו יארהונדערט־באַרג, דעם פלאַקער — דעם גייסט, האפענונג אין זיין אנטגילטיקן זיג.

צווישן זיי גייט אונדז אויך איבער זיין פלאַקער דאָס מאַגישע געשטאַלט פון דעם „מאַן אין דער פעלערינע", מיט די עקסטאַטישע אויגן און פריצישע וואָנסן. דער דאזיקער גאון, דער „חוזה פון זאמאָשטש", שטראַמט אויף אונדז מיט ליכט און ס'דאַכט זיך ווי זיינע כישוף'דיקע אויגן באפעלן: התנערי מעפר, קומי לבשי בגדי תפארתך, רב לך שבת בעמק הבכא!

י. מ. ווייסענבערג

יצחק מאיר ווייסענבערג געהערט צו יענע טיפ גרויסע שרייבער און קאמפליצירטע פערזענלעכקייטן, וואס אנטפלעקן זיך פאר אונז אין זייער פולער הויך, ערשט געזען אין דער פערספעקטיוו פון דער צייט. ערשט איצט נאך זיין טויט פארשווינדן אלע קליינלעכע ריסן און אומהארמאָנישקייטן און עס טויכט אויף פאר אונדז אין זיין פולער גרויסקייט — דער מייסטער און קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור.

וואס איז די סיבה וואס דער מחבר פון „שטעטל" איז במשך לאנגע יארן געווארן פארשוויגן, דערדריקט און בעגירט?

די סיבה ליגט אין דעם טראגישן קאמפלעקס, וואס רופט זיך פערזענלעכקייט.

זיינע געגנער, וועלכע ער האט אומרחמנותדיק ארונטערגעריסן געשטראפט און דעמאסקירט, האבן אים צוגעקלעבט א עפיטעט: „דאן קישאט".

בלא ספק איז אין ווייסענבערגן געווען עפעס פון א איבסען-העלד. דאס שטעלן זיך אין קאמף קעגן אלע, וויסנדיק פון פארויס, אז „אלע האבן אין זייער רשות „אלץ": פרעסע, שארפע צונגען און די עפנטלעכע מיינונג. אבער ד"ר שטאקמאן, דער העלד פון איבסענס דראמע „דער פיינט פון פאלק", וואלט נישט געווען ד"ר שטאקמאן, דער אומדערשראקענער קעמפער פאר זיין אמת, ווען ער וואלט גענומען אין באטראכט, אז ער איז אליין מיט זיין אמת קעגן דעם מולטיפליצירטן שקר, וואס רופט זיך אפטמאל די „עפנטלעכע מיינונג". ווייסענבערג וואלט ניט געווען ווייסענבערג, ווען ער וואלט זיך אנגעשראקן פאר די דיסקרימינירונגען און ממש ליידן — דעם פרייז פאר זיין קנאישן ליטערארישן קאמף. ווייסענבערג איז ווי א כוהן-גודל געשטאנען איינזאם און הייליק אין דער לשכת הגזית פון דער קונסט; ער האט געקעמפט קעגן ארייננדרינגען אין איר פון דעם „זר", דעם ליטערארישן בלאפער און קאבלעפל, דעם ניין מאס ריידנדיקן, אומבארופענעם דעה-זאגער; קעגן — דעם פארוועלעבלעכן ערודיט, וועמענס גאנצע שטארקייט איז באשטאנען אין א פאר ציטא-

ליק פסוקים לאטייניש, מיט וועלכע ער האט אנגעפילט זיין ליטעראריש-קריטישן „קוילעטש"...

ער האט געקעמפט קעגן די, וואס האבן די קונסט, — דאס סווערענע, גייסטיקע קעניגרייך — געוואלט פארוואנדלען אין אן אינטעלעקטועלן וואסאל פון דעם פאליטישן סעניאר.

אין פיל גייסטרייכע און טעמפעראמענטפולע עסייען און אויך אין טיפע שמועסן פאר זיינע „מתי סודו" האט ווייסענבערג, טיילמאל שארף אפאריסטיש, טיילמאל קינסטלעריש זאפטיק, באגרינדעט זיינע מיינונגען וועגן ליטעראטור און קונסט. ער האט די קונסט און ליטעראטור באטראכט ווי א אפריארישע קאטעגאריע פון מענטשלעכן גייסט, וואס הערט ניט קיינעם, דינט ניט קיינעם, — נאר דעם דראנג צו שלימות און שיינקייט. „פאעזיע, דאס איז בענקשאפט — בענקשאפט נאך בענקשאפט" — שרייבט ווייסענבערג אין איינעם פון זיינע טיפזיניקע עסייען אין „אונזער האפנונג". ווי אן אמת'ע קערנדיקע פערזענלעכקייט, האט ער פיינט געהאט בתכלית-השינאה: בלאף, פאלשקייט און צביעות. ער האט אראפגעריסן די פראזנבלעטער, מיט וועלכע מאנכע טומלערישע ליידיקייטן האבן צוגעדעקט זייער אומקינסטלערישע און אידעענלאזע נאקעטקייט.

ער האט געקעמפט ביליקע רעקלאמע — „פובליסיטי", „אפיציעלע באנקעטן" ביי מאנכע שרייבער.

„ניט דיין וואסער און ניט דיינע פיש" — פלעגט ער טענה'ן, ווען מאנכע קינסטלער פלעגן זיך פארנעמען נישט מיט זייער ענין.

ווי האבן רעאגירט זיינע „קעגנער" — ד. ה. די, וועלכע ער האט געמאכט פאר קעגנער?

קודם-כל האבן זיי אים פארגעסן, ווי דער שר של שיכחה וואלט זיי א שנעל געטאן איבער די ליפן.

עס איז אויסגעקומען ווי ווייסענבערג, דער אייביק יונגער און שעפערישער גייסט, וואלט געווען דער „לעבעדיקער מת" אין דער יידישער ליטעראטור. שרייבן וועגן אים לזכות האט מען נישט געקענט... האט מען טאקע געמאכט פערקערט ווי אין תלמודישן כלל: חבין לו שלא בפניו. די אינטעליגענטן, וואס זייער אינטעלעקטועלער באגאזש איז טיילמאל ניט באשטאנען מער ווי אין א געוויסער צאל פרעמד-ווערטער און שיין-קלינגנדע פראזן, האבן אים פארגעווארפן נישט געבילדעטקייט, פראוויציאנאליזם, באגרענעצטע האריזאנטן דער „זשעליכאווער" — האבן איראניזירט אזעלכע, וואס זענען אין דער ספערע פון אמת'ער, אריגינעלער אינטעליגענץ און קינסטלערישן כוח, ווייט נישט דערגרייכט לקרסולו. מען האט זיך געטשעפעט צו זיין קאפריזער ארטאגראפע מיט דער בארימטער „ה" א.א.וו. א שטייגער ווי דער, אדער יענער אופן

פון אויסגלייך וואלט געזאגט עפעס וועזנטלעכעס וועגן עיקר־מהות פון ווייסענ־בערגס פערזענלעכקייט און שאפן.

פארשטייט זיך, אז „שנאת מקלקלת את השורה". דא און דארט זע־נען אין ווייסענבערגס פאלעמישע ארטיקלען געווען אומדערלאזבארע אויס־דריקן אויפן אדרעס פון אנגעזעענע יידישע שרייבער, וואס אבסטראהירנדיק פון דער מעריטארישער זייט פון דעם שטרייט־ענין, איז די פארם פון דער פאלעמיק. לכל הדיעות, געווען א שאקירנדיקע.

ווער ס'האט געקענט דעם מאטעריעלן „פאן" פון ווייסענבערגן, די אט־מאספער פון פארביטערונג, מיט וועלכער ער האט געאטעמט די לעצטע יארן פון זיין לעבן — דער וועט פארשטיין די און יענע בישט אנגענעמע גרילצן אין זיין פאלעמיק.

* * *

גרויס איז דער קינסטלער און טראגיש איז די קאמפליצירטע פערזענ־לעכקייט: ווייסענבערג.

דער יידישער קלאסיקער האט לאנגע יארן געליטן בפירוש נויט און לסוף אפילו פון טובערקולאז. אבער בישט געקקט אויף די אלע פיזישע און מאטע־ריעלע נויטן, זיך בישט געבראכן. ער איז שטאלץ געזעסן על התורה ועל העבודה אין זיין קליין פארטער־צימערל אין א קליינעם ווארשעווער האטעל, ווו ער האט די לעצטע יארן געוווינט. זיינע מתי־סודו זענען געווען עטלעכע שרייבער און ליטעראטור־פריינט, ווי: יחיאל לערער, מ. י. סמאלארזש, ש. זאראמב, אייבעשיץ א. א. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אריינכאפן קיין לאדזש צו זיינע פארערער.

ווייסענבערגס באזוכן אין לאדזש, זיין „טיש פירן", זענען געווען גע־שעעניש אין לאדזשער יידישן קולטורעלן וועלטל.

דער אינטעלעקטועלער עולם האט דורשטיק געשלינגען די אריגינעלע, זאפטיקע, פילאזאפיש־ליטעראַרישע קאנצעפציעס, די שיחות חול: שצריכים ללמוד פון דעם פארערטן מייסטער. אבער וועגן סרוב פון די לאדזשער חסידים ווייסענבערגס קען מען, דאכט זיך, אנווענדן קאנטס באריטמטן זאג:

„פון אלע מיינע תלמידים האט מיך צום בעסטן פארשטאנען שלמה מייטאן — אבער אויך ער האט מיך בישט פארשטאנען"...

* * *

לעגענדע ווייסענבערג — דער גאלד־ארציקער מייסטער פון די טיפע זשעלעכאווער פלאסטן האט מיטגענומען און דער טיפער אייביקייט — נישט בלויז דאס אומפארענדיקטע ווערק אונטער דעם נאמען — נאר אויך דעם סוד פון זיין — זאל זיין אפילו א מגעשליפענער — אבער שטארקער און פארבי־קער פערזענלעכקייט.

מיט עלף יאר צוריק, דעם 13־טן אויגוסט 1938, איז געשטארבן אין

לעניאַנאָוואָ, ביי וואַרשע, דער גרויסער יידישער פּראָזע=מייסטער — י. מ. וויסענבערג.

וויסענבערגס ליטעראַרישער אויפשטייג, איז פאַרבונדן מיט דער גאַלדענער פּרץ=עפּאָכע, וואָס האָט צו פאַרצייכענען אויך דעם אויפשטייג פון אַזעלכע זיילן פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי: אַש, בערגעלסאָן, נאָמבערג, רייזין א. א.

די אויבנדערמאַנטע שריפטשטעלער האָבן זיך אינגיכן אויסגעטיילט פון דער גרויסער פּרץ=פּלעיאַדע מיט זייערע אייגנאַרטיקע ליטעראַרישע ווערק, וואָס זענען געוואָרן קלאַסיש אין דער יידישער פּראָזע=ליטעראַטור.

אין דער צייט, וואָס ה. ד. נאָמבערג און, יבדל לחיים, א. רייזין זענען געווען דיכטער, וואָס האָבן, צווישן אַנדערן, אויך געשריבן פּראָזע (הויפּטזעכלעך לירישע), זענען וויסענבערג, אַש און בערגעלסאָן געווען אויסשליסלעך פּראָזע=קינסטלער און זייערע ווערק גילטן ביז היינט=צו=טאָג אַלס די ערשטע מייסטער=ווערק פון דער יידישער בעלעטריסטיק.

יעדער איינער באַדייטנדער יידישער נאָוועליסט, ציט קינסטלעריש יניקה פון די דאָזיקע דריי קלאַסיקער, איז אין אַזאַ אָדער אַנדער מאָס באַאיינפלוסט געוואָרן אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט — און קומט צום סוף צוריק צו איינעם פון די דריי הויפּט=מאַגיסטראַלעס פון דער יידישער דערציילונגס=קונסט.

שוין מיט זיינע ערשטע דערציילונגען, האָט וויסענבערג פאַרנומען אין דער יידישער ליטעראַטור אן ערשטקלאַסיקע פּאָזיציע אַלס אומפאַרגלייכלעכער רעאַליסט און קרעפטיקער שילדערער פון דעם יחיד און סביבה.

אין דער צייט, וואָס אַש האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין אידילישאידעאַליזירנדיקער יום=טוב'דיקייט, מיט וועלכע ער האָט איינגעהילט אַלע זיינע טיפּן און געשטאַלטן, ווי אין א טיולעגעם, פאַרביקן וואַל; ווען בערגעלסאָן האָט איבערגעגעבן די מענטשלעכע „שטיללעבנס" — די גאַנצע רייכקייט פון טיפן איבערלעבן און עמפּינדן פון א באַשטימטן מין מענטשן — איז וויסענבערג געווען דער קינסטלער=שילדערער פון מענטשן=מין בכלל.

די גרויסקייט פון זיין רעאַליזם איז באַשטאַנען אין דעם טיפן אריינבליקן אין די אינערלעכקייטן פון מענטשלעכן וועזן — טונקלקייטן, פאַר וועלכע מען האָט מורא און אין וועלכע מען פאַרלירט זיך.

להיפוך פון דעם פלאַכן רעאַליזם, וואָס גיט איבער מיט מער אָדער ווייניקער טאַלאַנט דעם אויסערלעכן „לבוש" פונעם מענטש, און בלייבט שטיין פאַר דעם מאַגישן טויער פון דעם אינערלעך=מענטשלעכן וועזן — האָט וויסענבערג טאַקע געגעבן דעם סאַמע עיקר: דעם מענטש, טיף.

ס'איז אָנגענומען בעתן דערמאָנען וויסענבערגן צו ריידן וועגן עטלעכע זיינע דערציילונגען: „דור הולך, ודור בא", „א טאַטע מיט בנים", „קריינדע=

לע" א. א. ו. איז דאס א מאַניר אזא, ווייל די זעלטענע, שעפערישע גבורה פון דעם מחבר פון „דור הולך ודור בא" טרעט ארויס מיט א באצווינגענדי־קער מאכט אין אלע זיינע ווערק פון זיין קינסטלעריש־שעפערישן פעריאָד, און אומגעוויינלעכע באגאבונג פ ן אריינדרינגען אין די חדרי־חדרים פון פארשי־דענע טיפן, כאראקטערן און פערסאָנאזשן — זעט זיך ארויס, אויך אין די וויניקער „באַרימטע" דערציילונגען זיינע.

אין זיין פסיכאָלאָגישער שטארקייט דערגייט דער מייסטער אָפט צו א רעאליסטישן שטריך, א פארבליפנדיקן מיט זיין קרעפטיקער ברוטאליטעט, וואס שניידט אויף מיט פסיכאָלאָגישער שארפקייט די אינגעווייד: „נאַ, זע!" פון יעדער דערציילונג זיינער, שרייען ארויס מיט דער לעבעדיקסטער וואָרהאפּ־טיקייט — די געשאפענע געשטאלטן, ווי די און פארבן־געמייסטערטע לעבנס — פון די לייוונט פון גרויסע מאלערס; זיי לעבן, די האזיקע קרעאציעס, אן אייגן פול־בלוטיק לעבן, און נישט מען ברענגט אויף זיי ראיות פון דער רעאליטעט, פון רעאלע מענטשן, נאר פארקערט, די קרעאציעס פון דער „רע־אליטעט" — די רעאלע מענטשן — דערקענען זיך אין זיי.

טיילמאל דערגייט וויסענבערג אין זיינע שילדערונגען צו א מין ברוטא־לער סובטעלקייט", ד. ה. שילדערן אָן שום צערעמאָניעס די טיפקייטן פון גע־דאנק און די סובטעלקייטן פון איבערלעבן, דאס פארבלענדיקטע שפיל פון „כאפן דעם אייגענעם גנב" — דעם געדאנק, וואס קוקט פארדעכטיק אויף דעם קריכנדיקן הינטער־געדאנק...

אין אזעלכע שילדערונגען, ווי צ. ב. „אין איינער א מענטש", דערגייט ממש דער קינסטלער צו די קאָפּ־שווינדלענדיקע אנטפּלעקונגען פון דעם „נשמה־שינדער" (א טרעפלעכע באצייכענונג פון אהרן צייטלין) — דאָסטאָ־יעווסקי.

צו דעם מין באנאלן בקיאות־וויזן פון לאַיקער און דילעטאנטן, גע־הערן בלי ספק די ביז חלשות שאבלאָנע סענטענצן: „יאָ, וויסענבערג... אָבער ער איז שפעטער קאליע געווארן, אויסגעוועפּט קינסטלעריש" א. ד. גל.

דאס וועלן, אין א געוויסן זין, מבטל מאכן וויסנבערגן צוליב זיין שפע־טערדיקער „אויסגעוועפּטקייט" איז נישט ריכטיק — אפילו, ווען דאס לעצטע וואלט אפילו געווען אמת.

ווייל, ווען ס'וואלט אפילו אמת געווען, אז וויסנבערג איז לסוף געווארן שעפעריש־אומפעיק, איז עס אויך אן אומזין צו פארמינערן דעם געוואלדיקן פארנעם פון זיין ליטעראַרישן ווערט. וויסן מיר דאָך פון שרייבער, וואס זענען געווארן קלאסיש בלויז דורך איינצלנע ווערק, מיט וועלכע זיי האבן באַרייכערט זייערע נאציאָנאַלע ליטעראַטורן.

אט דאס, למשל, דער פראנצויזישער דיכטער פון דער דעקאדענטן־שולע—

אַרטור רעמבאָ — פארעפנטלעכט בלויז איין לידער=באנד און איז געווארן דורך דעם א שטערן פון דער פראַנצויזישער ליריק פון 19=טן י. ה.

ס'איז נישט אזא פולשטענדיקער אמת, אז ווייסענבערג איז אויף דער עלטער געווארן אומשעפעריש; אז דאס איז נישט אזוי, באווייזט זיין גרויסער 10=בענדיקער ראָמאַן=ציקל א. נ. „אין דער טיפער אייביקייט", וואס דער גרעסטער טייל זיינער איז צוזאמען מיט אנדערע מאַנוסקריפטן ווייסענבערגס — פארברענט געווארן איןווארשע אין די מלחמה=טעג.

ס'איז גיכער קרוב לאמת, אז נישט ווייסענבערג איז געווארן אומשעפעריש, נאָר אז די שעפערישקייט איז ביי אים, אויף די עלטערע יארן, פארוואנדלט געווארן פון איין פאָרם — דער ליטעראריש=דערציילערישער — אין א צווייטער — אין דער פארם פון א מאראליסט, עסטעט און שייגייסט. די יעניקע, וואס רעדן אזוי זיכער וועגן דער מכלומרשטער „שפעטערער אומפראָדוקטיוויקייט", גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אז ס'איז דאָ א שעפערישקייט אויסער די ראמען פון שיינעם קונסט=ווערק — א שעפערישקייט, וואָס פאָרעמט אויס און טוט אומשטאלטיקן דאס פלאָימדיקע, נישט=פארענדיקטע קונסט=ווערק פון דער נאטור — דעם מענטש.

ווייסענבערגס השפעה אויף דער יידישער ליטעראטור און שרייבער, איז פון גרויסן פארנעם, אינטענסיווקייט און דויער. אזוי ווי דער סכום פ.ן זיינע ליטעראַרישע און מאָראליש=עסטעטישע טעטיקייטן — אזוי איז אויך זיין השפעה געגאנגען און גייט אין צווי ריכטונגען: אין קינסטלערישער, רעאליסטיש=פסיכאלאגישער און מאראליזירנדיקער, מוכיחשער און עסטעטיש=אויספיינענדיקער; די צייט זאפט איין דעם שוים, וואס ס'טראָגן אויף זיך די צעשטורעמטע כוואליעס; עס טראגט זיך אָבער „אין דער טיפער אייביקייט" דאס שטילע, געהיימניספולע רוישן פונם אָקעאן... די דיסאָנאנסן און שטעכיקייטן פון א פערזענלעכקייט, וואס האט מקריב געווען זיין ווילשטאנד, געזונט און לעבן אויף דעם מזבח פון פרינציפן (געשטארבן פון שווינזוכט, נאך לאנגע יארן פון ביטערער, אָבער פארביסן=שטאָלצער נויט) — די אלע גאליקייטן זענען אויסגעוועפט, פארשוונדן.

ווייסענבערגס שטערן וועט לייכטן לאנגע, לאנגע יארן אין דער יידישער ליטעראטור.

אמעריקאנער יידישע
פאעטן

יהואש

פאראן א מין דיכטער און קינסטלער, וואס מאכן אויף אונדז שטענדיק דעם איינדרוק, אז זיי פארמאגן מער, ווי זיי באווייזן עס אין זייערע ווערק. וועגן אזעלכע דיכטער און קינסטלער האט מען א געפיל—אשטארקס ביז איבערצייגונג — אז זיי שטעלן ארויס נאר א טייל פון זייער גייסטיקן רכוש צום „פארקויפן" — די רעשט רוט ערגעץ אין די גרויסע, געהיימע חדרים פון זייערע פערזענלעכקייטן. די פערזן פון אזעלכע דיכטער, ווי מייסטערישע פינגער כישופן אויס אויף די קלאווישן פון אונדזער געמיט עפעס אן אייגנארטיק־טיפן טאן, באזונדער — שיינע רעגונג און דערהויבנדיקע איבערלעבונג. עס גייט אין דעם, וואס דער בלויזער נאָמען פון אזא שטייגער דיכטער איז שוין פאר אונדז אינטים־אינספירירנדיק, און זיינע געדאנקען, שטימונגען און טענער פאלן באפרוכפערנדיק אויפן צעאקערטן פעלד פון אונדזער פילן און באנעמען.

א כאראקטעריסטישער פארשטייער פון דעם מין פּאָעטן איז די וווּנדערבארע געשטאלט יהואש, שלמה בלומגארטן — דער בירגערלעכער נאָמען פון דיכטער — איז געבוירן אין יאר 1870, געקומען קיין אמעריקע אין 1890. זיין ליטערארישע טעטיקייט, וואס האט אנגעהאלטן קרוב פערציק יאר, האט געברענגט דער יידישער ליטעראטור א ריי וויכטיקע ווערק אין פאעזיע, לידישע פראזע און איבערזעצונגען. אין דער צייט פון יהואשס ערשטע ליטערארישע טריט, איז די יידישע דיכטונג געווען אין די ערשטע פאַזן פון איר אנטוויקלונג. נעבן די דיכטער פון פרימיטיוון, אָבער עכטן סאציאלן פאַטאָס — באוושאווער, עדעלשטאט א. א. — האבן דאס יידישע ליד פאראידלט און געשליפן אזעלכע שטארקע טאלאנטן, ווי מארים ראָזענפעלד, אברהם רייזען, און ליעסין.

א. רייזען — א פיינער פאלקסטימלעך־געשטימטער דיכטער, האט מיט דארפיש פשוטער עכטקייט און הארציקייט געגעבן דעם שטעטל־שטייגער, ווי אויך נישט־קאָמפּליצירטע, אָבער אויפריכטיקע און איבערצייגנדיקע יחידישע

לידער. א. ליעסין — א ראָמאַנטיקער מיט נייגונגען צום פאַרהערלעכונג פונעם נאַציאָנאַלן עבר, האָט אײַנגעזונגען די פאַרגאַנגענע פּראַכט פון ייִדישן פאָלק, זײַנע העלדן, הייליקע און נביאים. מאָריס ראָזענפעלד — א דיכטער מיט עמאָציאָנעלער קראַפט — האָט אינדיווידואַליזירט דעם סאָציאַלן פּאַטאָס פון די רעוואָלוציאָנערע דיכטער־פּיאָנערן — א פּאַטאָס, וואָס איז מיט זײַן גאַנצער עכטקייט אויסגעקומען ביי זיי, אָביסל סכעמאַטיש און פּראָקלאַמאַציע־מעסיק.

יהואָש האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער ליריק שווונג, טיפקייט און אוניווערסאַלקייט. ער שפּילט אויף זײַן באַזונדער לירע אן אומעטהויערע סקאַלע פון טענער און מאָטיוון: פאָלקסטימלעכע, היסטאָרישע, סאָציאַלע, אינטעלעקטועל־באַהויכטע און הימנישע.

וואָס שייך זײַן ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד, איז נאָך יהואָש אונטער דער לאַסט פון אַלטן, ד"ה פון דעם גרייטן, צוגעשניטענעם בילד און פילפאַראָפּגענוצטע פאָרמען. ער אָפּערירט אין זײַן ליד, פון דער תקופה, מיט אַזעלכע פּראָווינציאָנעל־פאָטעטיזירנדיקע שאַבלאָן־געוואָרענע פאַרגלײַכן, ווי: שמעטערלינגען, רויזן, נאַכטיגאַלן, ענגלען, פּרינצעסינס א. א. וו. זעלבסטפאַרשטענדלעך קריגן אַלע אָפּגעבליאַקעוועטע פּאָעטישע אַנאַכראַניזמען אָביסל לעבן, פאַרב און חן אין דער אײַדעלער מוזיק פון דעם פײַנעם פּאָעט. וואָס ווײַטער אָבער ווערט יהואָשס בילד פרישער, אָריגינעלער, אָן די ליטעראַרישע „פּראָקאַט־אַרטיקלען”. דער פּאָעט לאָזט זיך טיפער אין די ברונעמער פון גייסט, צו די קוואַלן פון אינספּיראַציע. באַשאַנקען מיט רײַכקייט פון אינטעלעקט, מיט דערהויבענער מחשבותדיקייט, זוימט זיי יהואָש אַרום מיט א ליכטיקן ראַנד פון סובטעל־צעשמייכלטן געמיט. איך באַטאָן דעם אויסדרוק„ רײַכקייט פון אינטעלעקט”, ווייל צופיל איז שוין ביי אונדז, לעצטנס, „פאָגיעוויערעט” געוואָרן, מיט דעם אינטעלעקטואַליסטישן מאָמענט אין דער ליריק. (פאַרשטייט זיך, אַז ס'רעדט זיך דאָ נישט וועגן דעם מין סכעמאַטישע שאַפונגען — אַיים־געהוילטע פ ן געמיט און אינדיווידועלער, פּאָעטישער לחלוחית). דער אינטעלעקטואַליזם פון אַזא טיפזיניקן פּאָעט, ווי יהואָש, איז נאָר א ברכה — הלוואַי וואָלט זי שורה געווען אויף א סך שרײַבער, וואָס, אגב, זײַנען נישט זיי מחולק אויפן „אינטעלעקטואַליזם”, נאָר פאַרקערט...

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז געדאַנקען, שעפערישע באַגאַבונג, ברייטערט אויס ביז אומענדלעכקייט דאָס „אַלקערל” פון דער „האַרציקייט” און איז מצרף דעם ייִדישן וויי צום אקינום פון וועלט־באַנעם — דער ערשטער וועזנטלעכער סימן פון גרויסער ליטעראַטור. אין זײַנע שפּעטערע, רײַפערע, פאַרטיפטערע שאַפונגען, שלאָגט יהואָש אָן אויף די ייִדישע סטרונעס, אוניווערסאַלע טענער. דער מחבר פון „אין געוועב” שאַפט א זעלטענעם פּאָעטישן מאַנאַליט פון געדאַנק און געזאַנג, וואָס קוועלן פון די אורטיפענישן פון

עכטער, געלייטערטער פּאָעזיע. דער שטילער מאַיעסטאַט פון פּאָעטיש=דענקערישן רוח הקודש — פון אלוויסן, באַשטראַלט און באַחנט זיינע באַזעלטע, אינספּירירטע שורות מיט אַ באַצווינגנדיקער מוזיקאַלישער דערהויבונג. — די גרויסע מעלה פון אַזאַ דערקענטנישפולן פּאָעט איז, וואָס זיין טרויער איז לופטיק, עטעריש, און זיין מעלאַנכאָליע איז פיין=שמייכלענדיק — מעג די זעאונג זיין ווי טונקל. די לויטערע חכמה מילדערט די ערדיש=שווערע וויטיקן.

...דער גרויער, שטילער ראַסט, וואָס פאַרבט דעם פּיראַמיד,
וואָס אומבאַמערקט, אַטאָמענווייז זיך קלייבט און מערט,
וואָס ליאַרעמט קיינמאָל נישט, און קיינמאָל ווערט נישט מיד,
וואָס וואַרט אַן אייביקייט און סוף כל סוף צעשטערט...

(„דאָס מעכטיקסטע").

די שווערע כמורנעדיקייט פון דעם בילד ווערט אַקצענטירנדיק געמילדערט מיט די „דריי פּינטעלעך", וואָס זיינען נישט אַנדערש ווי אַ שטיפערישער ווינק — גראַפיש געגעבן.

די סוגעסטיווע קראַפט פון יהואשס רייכער פּערזענלעכקייט. פון דעם גייסט=אַריסטאָקראַט, שפּאַרט אַרויס פון אַלע זיינע לידער. צוגלייך מיט דער אַלץ=באַשמייכלענדיקער לעבנס=חכמה, וואָס דערמאָנט אין די לידער פון די אַלטע פּערסישע דיכטער, קומט יהואשס פאַרגעם צום אויסדרוק אין לידער פון אַן אַנדערן אינהאַלט — אין די רעליגיעז=עקסטאַטישע הימנען.

דאָ דערגרייכט יהואש אַ געוואַלדיקע דערהויבנקייט. מיט אַן אומגעוויטלעכער קראַפט שלאָגן דאָ פייער=שפּריצנדיקע וואולקאַנען פון אַל=דערקענונג, פון פלאַמיקער, פּאַנטעיסטישער בענקשאַפט, ווי אין זיין „נישט געזונגענעם ליד", וואָס אָטעמט ממש מיט מעשי בראשית.

דער דיכטער דערגרייכט אין אַנדערע לידער צו אַ דממה=דקה'דיקן פליסטער, וואָס הויכט מיט דער דינסטער לופט אין זיינע טיף=רעליגיעזע פּסאַלמען און הימנען, ווי „אַ בורא=געבעט". ער דערהויבט זיך אין די לידער צו דעם פּאָעטישן שווונג פון די גרויסע, אוניווערסאַלע פּאָעטן: אַנדרע שעניע און אַלפרעד דע מיוסע. אין לידער פון אַזאַ טיפקייט און פאַרגעם, ווי „אַ בורא=געבעט" — און אַזעלכע זענען דאָ פיל ביי יהואשן — קומט די גרויסע אויפלייזונג אין דעם אַל — אַ מיתה בנשיקה פון מתיקותדיקן, שטיל=רעליגיעזן צונויפגיסן זיך מיט דער געהיימער קראַפט אין „קליינעם געבעט".

דער פּאָעט, וואָס זינגט: „אַ זאַמען ליכט איז איינגעזייט אין מיר", אַ ז: „איבער אַלע הורות איז מיין וועג" — איז דורכגעדרונגען מיט דער גליקזעליקייט פון אַזאַ באַוווּסטזיין. ער דריקט דאָס אויס אין אַזעלכע תהילימדיקע שורות:

...„אַ דאַנק און אַ לויב פאַר אַלע אוצרות,

וואס איך האב פון לעבנס האנט געגומען,
און פאר יעדער גאב פון טויט,
פאר יעדן ווייטיק, וואס איך האב פארשקלאפט,
פאר יעדן פיין און אנגסט, וואס איז געווארן קראפט"...

(„א תפילה").

אויך דאס טויט־געשפענסט ברענגט נישט אין אן אויסגאנגסלאָזער פארצווייפלונג דעם דיכטער, וואס דערזעט, אז „טויט און לעבן פרוכפערן איינאנדער אין ליבשאפט אָן א ברעג", און וואס פילט זיך ווי א טייל פון דעם גרויסן, געהיימניספולן געוועב:

„...ווייס איצטער יעדער ווינקל פון מיין זעלע, אז דו ביסט דא — אמאל א שטילער טרעל, וואס צאפלט אויף און ווערט אנטשוויגן באלד"...

„...און פריידיק טראגן וועל איך א מעטום מיט זיך, דאס זיסע וויסן, אז איך לעב אינמיטן פון דיין הייליקן געוועב"...

(„געוויסהייט").

* * *

ווען מען ווארפט אן איבערבליק איבער די לידער יהואשס, ווערט קלאָר, קודם כל, אז מיר האבן פאר זיך א דיכטער־פערזענלעכקייט פון גרויסן פארנעם; א דיכטער, וואס דערהויבט זיך איבער אנדערע א. ג. „רעאליסטישע פּאָעטן" — הגם באגאבטע — וואס פויזן אויף דער קורצער רעאלער פלאַך.

א דיכטער פון יהואשס פארנעם קען — אָדער זיך אויפהויבן מיט שווונג אין די הימלען פון געלייטערטער וויזיע, אָדער אראפנידערן אין די תהומות פון בירוואנע, אויפליזונג. זיינע עיקר־שטריכן: א) באזעלטע חכמה פון די אלטע דיכטער־פילאָזאָפן, וואס זעען אין דער וועלט עפּעס עפּעמערי־שעס, און אין דער פארשטעלונג — די וועלט, די גרויסע, געהיימניספולע וועלט פון „נישט געזונגענעם ליד". ב) א זעלטענע פארגייסטיקונג, וואס האט ממש נישט קיין גלייכן אין דער יידישער פּאָעזיע. די פארגייסטיקונג און געמיט־פיינקייט מאכט, אז יהואש, וואס האט אן אויג און אויער פאר פיל פארבן און קלאנגען, זאל דאָך שוועבן איבער אלץ און אראפקוקן אויף אלעם מיט א ווייטן אויסגעלייטערטן שמייכל.

דער דיכטער פון „נישט געזונגענעם ליד" האט אריינגעבראכט אין יידישן ליד אן אומגעזעענע פארטיפקייט, אומבאגרענעצטן וועלט־בליק, שווונג און קאסמישן אָטעם. ער האט „א זאמען ליכט איינגעזייט אין זיך", א ליכט, וואס שטראלט אויס פון זיין ווערק אין געשטאלט פון א אנדערגנדיקע עסטע־טישע עמאָציעס, אינטעלעקטועלע איפּפלאמונגען אין עמפינדלעכע, אומרו־אויפגעאקערטע יחידים. די באדייטונג פון יהואשן דעם ליריקער, פארשטאַנט

אביסל אנדערע אַספּעקטן פון זיין טאַלאַנט: יהואשן — דעם גייסטרייכן און טיפזיניקן אפאָריזמען־מחבר, עסייאיסט און זעלטענעם ביבל־איבערזעצער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יהואשן — דעם שאַרפזיניקן דענקער־פילאָסאָף — איז זיין גרעסערער עסייען־ציקל א. נ. „מיין פריינט, דער מענטשן־קענער" — אַ פּראַקטיקע שנור פון פּערלדיקע געדאַנקען, פסיכאָלאָגיש־דער־גרונטעוועטע אמתן אין די עלעגאַנט־גלאַנצנדיקסטע פאָרמען פון פּאַראַדאָקס, אַפאָריזם און עפּיגראַם. אין זיין רייכער ליטעראַרישער ירושה זענען פאַראַנ־דערגעוואָרפן אַ ריי עסייען און לידער אין פּראָזע, וואָס פאַרבליפן מיט זייער שיינקייט, שוואונג און טיפזין.

עס איז נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן דעם גרויסן דיכטערס מאָנומענטאַל לעבנס־ווערק — תנ"ך־איבערזעצונג אין יידיש — אַן אַרבעט, איבער וועלכער דער קראַנקער מייסטער האָט זיך ממש מקריב געווען; אַן אַרבעט, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל געגעבן אַ פולע, קערנדיקע איבערזעצונג — געטריי דעם ביבלישן גייסט און דער זאַפטיקייט פון יידיש־לשון.

נישט קיין צופעליקייט איז אַזאַ נאָמען פון יהואשס אַ ליד: „איבער אַלע דורות איז מיין וועג", ווייל ווי לאַנג עס וועט נאָר לעבן און געהערן די יידישע שפּראַך, וועט אייביק שימערן דאָס ליכט פון גרויסן חוזה־פּאָעט:

„איבער אַלע דורות איז מיין וועג, איבער אַלע דורות אָן אָנהייב, אָן ענד".

מ. ל. האלפערן

אונ וויפיל איך ראנגל זיך נישט אליין
צו זען נאר דאס, וואס איז ריין און שיין
זע איך דוקא דאס, וואס איז עקלדיק
אזויווי פארפוילטע נבלה א שטיק,
וואס ווארט אין דער זון צו ווערן שפייז
פאר ווערים, פליגן און מייז....
(מ. ל. האלפערן)

משה־לייב האלפערן — אן אויפברויזנדיקער נאמען. א וועג־לייגער, א פאר־גייער אין דער יידישער ליריק. א פאעט מיט אן אומגעוויינטלעכער דינאמישער קראפט, מיט אומגעצוימטע עמאָציאָנעלע אויסברוכן פון פּאַטאָס און סארקאזם. א דיכטער, וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט אין דער יידישער פאעזיע א לעבעדיקע בריק צווישן צוויי ליטעראַרישע תקופות, וועלט־בליקן, קינסטלעריש־אידעאלאגישע שיטות — האט דער מחבר פון „ניו־יארק" אין זיין שעפערישן פרצוף א סך היינעשע שטריכן. די ענלעכקייט איז דא נישט בלויז אין דער סאטירישער דיספּאַנירטקייט; זי איז אויך דא אין דעם אייביקן „ויתודוצצו" אין דעם געמיט און אין די שאפונגען פון די שרייבער — א געמיט פון אזעלכע צוויי קעגנזעצלעכע נשמה־עלעמענטן, ווי סענטימענטאל־ראמאנטישער ליריזם פון איין זייט און אין רעאליסטיש־קריטישע סאטירע — פון דער צווייטער.

די אייגנארטיקייט און שטארקייט פון דעם ניו־יארקער דיכטער־סארקאסט איז באלד געקומען צום אויסדרוק אין זיינע שאפונגען פון א שטארק אינדיווידואליסטישן חותם. פון זיינע לידער שרייט ארויס א גרויסער־ליידנשאפטלעכער באנגער צו אוממיטלבארקייט, פשטות, צו דעם ערשטן, אומגעפעלשטן, וואס קומט ארויס ווי א „פינגער־אפדרוק" אויף זיין ליטעראַרישן האַנטמענט. ער האט איבערגעריסן מיטן אלטן סענטימענטאלן נוסח פון אויגן־פארגלאזן און קדושה־שפריגעניש, וואס איז — מיטן אויסנאם ביי מאנכע אמת־רעליגיעזע

געטורן נאר א פארגליווערטע, טויטע ליטעראַרישע מאניר. אין קעגנזאַץ צו מאנכע עפיגאָנישע ראָמאַנטישע „שלייערמאַכערס", וואָס הילן איין אין טול פון ווערטער די נישט-דופטנדיקע מאַטעריע, — איז האַלפּערן א שלייער-אַראָפּרייסער, א דעמאַסקירער. הגם די פאַרשלייערטע פאַרבליבן אונדז מיט די שיינע, פאַרביקע טיולן, ווייסן מיר און פילן דאָך, אַז דאָס איז נאָר א שיינער ליגן, אַן אויסגעדאַכט ווערטער-בריקל איבער דעם נאָמענלאָזן תהום אויסער און אין אונדז. האַלפּערן שטויסט אָפּ פון זיך — סיי אינסטיקטיוו, סיי קינסטלעריש-באַוווּסטזיניק — דעם שיינעם ליגן, דעם גרויסן אָנשטעל, דעם ווייטן שווונג. פון דעם זיידענעם דיכטער-באַלאַן, וואָס דערהייבט זיך — אַממערסטן — א דאַנק דעם אַוועקוואַרפן דעם גאַנצן אינהאַלטס-באַלאַסט — דעם וואָרן לעבן, די רעאַליטעט... דער נעגירער פון דעם שיינעם ליגן פאַרבלענדט אפשר נישט אַזוי אָפט מיט „עטערישע שווונגען" מיט פּאָעטיש-געצאַצקעטער מאָזאַאיק, דערפאַר אָבער הערט זיך אין זיינע לידער דאָס אומרואיקע קלאַפּן פון א מענטשלעך-דיכטעריש האַרץ, דאָס רוישן און זידן פון שטורמיש-אויפגעבוואַליעטן בלוט. עס זעט זיך דער תהום פון יאוש און עלנט פון לעבן ביים ראַנד... כאַראַקטעריסטיש זיינען פאַר אונדזער פּאָעט אַזעלכע שורות, ווי:

„....און דאָס לעבן ווייגט דאָך אַזוי ווי א הונט,
וואָס בלוטיקט פון אַן אָפענער וווּנד —
און עס ברענט דאָך די וווּנד ווי א פייער אין פעלד
אין מיטן דער נאַכט — אין דער פינצטערער וועלט —"...

צו די שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן האַלפּערנען, געהערט אויך דער שטריך פון א געוויסער יידישער מענטאַליטעטס-אייגנשאַפט. מען קען זאָגן — ווי אומוואַרשיינלעך דאָס זאָל נישט קלינגען — אַז האַלפּערן איז געווען א טיף-יידישער דיכטער, וואָס זיינע כאַראַקטער-פּנים-דאָמינאַנטן זיינען: הומאַנישקייט און מאָראַל. איך באַנוץ דעם אויסדרוק „ווי אומוואַרשיינלעך", ווייל דאָך איז דער דיכטער פאַרשריגן געוואָרן אַלס לעסטערער, שפּאָטער און ציניקער.

עס איז זיכער, אַז אין משה-לייבס פּאָעטישן געוועב שלענגלט זיך דורך אויך א ציניש-ער פאָדים, אָבער דאָס דאַרף אונדז ניט באַוועגן אַפּצושאַצן א קינסטלער-נאַטור פון אַזא פאַרנעם מיט דער הילף פון פאַרגליווערטע עפּיטעטן. און אפשר איז נאָר כדאי אַריינצופירן אַביסל ניואַנסירטקייט אין פאַרשידענע באַגריפן — בתוכם ציניזם? — ווייל עס איז פאַראַן אויך א ציניזם, וואָס איז א מין „פּאַדשיווקע" פון פרומקייט, שיינקייט, דראַנג און אַנדערע געהויבענע זאַכן. דער סמ'ענדיק-ביטערער ציניש-ער זאַג, דאָס איז עקספּלאָזיווער איינגע-זאַמלטער גאַז פון גייסטיקע ווערטן-פּערמענטירונגען, און ווי ווייטיקלעך עס זאָל נישט זיין ווירקונג, מוזן מיר, כדי צו אורטיילן ריכטיק, טראַכטן וועגן די טיפערע עלעמענטן, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די גיפטיק-יורינדיקע שטאָפן. משה-לייבס שטעכיקער שפּאָט איז דורכגעזאַפּט מיט טיפן ערנסט, מיט

א זעלטענעם, שווערן ווייטוט, וואס טראגט אין זיין ביטשנדיקן געלעכטער דעם שטילן זיפץ פון פארגייענדיקע וועלטן. זיין שווער־געוויכטיק געלעכטער איז הימל־הויך פון דעם פסיידא־פילאזאפישן, פיליסטרישן און איראניש־סקעפטישן שמייכעלע פון מאנכע שלאפראק־גייסטער.

האלפערנס קראפט אלס פאעט ליגט דוקא אין זיין בראשיתדיקער רויקייט און נאקעטקייט, וואס שאקירט, אגב, מאנכע עסטעטן. מיט אן אימגעצוימטער קראפט פון א נאטור־כוח כוואליען זיך זיינע ברויזנדיקע, ליידנשאפטלעכע שורות. הגם זיי דראען צו פארשלעפן אונדז אין א טיפן קעסל־גרוב פון געגאציע, פחד און אומרו, קערן מיר זיך ראד נישט אפ פון זיי, פילנדיק אין זיי דעם אטעם פון א גרויסער קראפט.

ווי אן פאעט פונעם טיפ צווייפלער־אגנאסטיקער, וואס איז ווי א געוויסע ביבל־געשטאלט, פארשאלטן צו פילן אין אלץ א טעם פון ערד, — באזינגט, ריכטיקער, באקלאגט האלפערן די טראגיש פארלוירענע מענטשן, ארומגייענדיקע לונאטיקער ביים ראנד פון לעבן און נישט־זיין. כאראקטעריסטיש פאר די „ראנד־מענטשן" זיינען אזעלכע טיפן, ווי „זרחי" און אנדערע — מענטשן, וואס האבן פארלוירן די וועלט אין זיך און זיך אין דער וועלט. מענטשן, וואס זייער טרייסט איז:

„...אפילו די פינצטערניש איז א געזאנג:
זי וואקסט ווי א וואלד, וואס הייבט זיך אויף
מיט די ביימער ביז איבער די הימלען ארויף
און איר טרויער רינט ווי צעשמאלצן גאלד
אויף אלץ, וואס האט אייביק זיין געזאלט"...

געבוירן פון א טיפן אומרו — פילן אונדז און משה־לייבס לידער מיטן זעלבן אייביקן אומרו. אייביק זיך ביטנדיק זענען זייערע ארויסרופנדיקע אומפולסן, שטימונגען און טענער, ווי די כוואליעס פון ים. אט פארזינקט דער פאעט אין א שווערמוטיקער מעלאנכאליע, ער פילט, ווי „די שטאט האט אין אים איר זשאווער ארייננעשאלט". ער זעט דאן זיין „אומעט אין לבנה־שיין" ווי א „הויקער אויף דער נשמה":

„הויקער די אויף מיין נשמה,
אומעט אין לבנה־שיין.
גוט איז מיר אזוי אויף אייביק
א פארפאלער צו זיין".

ער זעט זיין לעבן, ווי „א וואנד אין דער ערד ארייננעקראכט".

אט הויבט זיך דער פאעט ארויס פון אט דער מעלאנכאליע — וואס האמפט אוים, אגב, פון אלע זיינע לידער — און נעמט שליידערן דיכטערישע דונערן און בליצן קעגן אלץ און אלעמען: גורל, מענטש און געזעלשאפט. האלפערן איז גרוים אויך אין זיין סאציאלער סאטירע און אינדיווידן־פאראדיע.

ווי א צעווילדעוועטער הוראגאן, באלויכטן מיט שארפזין = בליצן און דונערדיקן שפאס, ביימשט זיין צעשמעטערנדיק ווארט אלץ, וואס איז פרוכנעדיק = צעפוילט, צביעותדיק און פארשימלט אין לעבן פון מענטש און סביבה. זיין צעשמעטערנ־דיקע סאטירע הערגרייכט נישט נאר דעם פוסטן פעבל = מיפ — דעם „פראנט", נאר אויך דעם „פאלשן פאעט", דעם „פראזן = דרעשער". אויף אים קלאגט זיך האלפערן:

„...איך בין ביי אים האס לעבן נישט ווערט
צוליב דעם, וואס איך האלט נישט צונויפגעפארט
ווי א הונט מיט א צונג, שיינקייט און ווארט,
און ער באצירט מיליאנען = מארד, פארהאמט זאל ער ווערן!"...

ווי באקאנט ווערן ארויסגעזאגט מיינונגען פון מאנכע עסטעטיקער, אז משה לייב איז בלויז א שטארקער, אבער נישט קיין גרויסער פאעט. די טענות ווערן דאס רוב באגרינדעט מיט דעם, וואס זיינע לידער עפענען נישט קיין „פערספעקטיוו" צום אומענדלעכן, דערהייבן זיך נישט לייכט איבער דער שווערער מאטעריע. די שטארקסטע אפלייקענונג פון אזעלכע באהויפטונגען זענען די שפרונגען אין דעם אומענדלעכן, דאס ארויסבאקומען זיך פון רעאליסטישן, בלינדן געסל, וואס דער גרויסער פאעט באווייזט נאר אפט. דאן אנטשטייען אזעלכע וואונדערבארע שורות:

...אצינד בין איך דאס הארץ — דער אומעט אין א בליק,
וואס האט געבענקט נאך מיר מיט הונדערט יאר צוריק...

פיל ענלעכע וואונדערבארע שורות און גאנצע לידער בלישטשען ארויס פון האלפערנס פאעטישע ווערק: די אימאזשיגירטע גינגעלי = געשטאלט, זעלטענע איבערלעבונגען, פארבונדענע מיט נאטור = אימפרעסיעס א. א. וו.

כאראקטעריסטיש פאר האלפערן — דער שטורמיש = ברויזנדיקער דיכ־טער = נאטור — איז אויך זיין מאדנער אופן שרייבן, פון בילד בתוך בילד און שטימונג בתוך שטימונג, וואס קומט צום אויסדרוק אין א גרויסן טייל פון זיין שאפונג:

„...נישט איינמאל אבער וויינט דער אומעט
ביי מיין ווייבל פון איר פנים אראפ,
אז מיר ווילט זיך, ווי מיין פעטער רב זרח,
אונטערשאקלען דערביי מיטן קאפ.
א מאדנע ייד געווען רב זרח,
פלעגט ענטפערן בלויז מיט א מאך פון א האנט
און אראפגעווייגט, האט פון אים תמיד זיין־גרויקייט,
ווי דער שטויביקער מזרח פון דער וואנט.
נאר איך בין, ווייזט אויס, פארדארבן טאקע,
אט גיב איך פון וועגן דעם מזרח א טראכט,

און מיר ווילט זיך דערבײַ שוין חוזק מאַכן
פֿון די לייבן, ווי אַזוי מען האָט זיי געמאַכט
איין לייב, דאַכט זיך, חוזקט אַליין פֿון זײַן אויסזען:
ווי אַ קאָמער קוקט ער פֿון מזרח אַראָפּ
און ווי דאָס היטל בײַ אַ היימישן שנײַדער זיצט
דאָס קרוינדל בײַ אים אויפֿן קאָפּ"...
(מײַנע רייד צו גאָלדענע גאָלדינע").

אינטערעסאַנטע בילדער—פּאַרקײַטלונג: „מײַן ווײַבל" פֿעטער רב זרח און זײַן גרויקייט — דער שטײַביקער „מזרח" — די לייבן — „דאָס היטל בײַ אַ היימישן שנײַדערל".

ווי געזאָגט, געפֿינען זיך ענלעכע איבעראַשונגען, בילדער = אַסאָציאַציעס און געדאַנקען = פֿאַרקײַטלונגען אין אַ גרויסן טייל פֿון משה = לייבס לידער. עס איז אָנצונעמען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פּרעדיספּאָזיציע צו פֿלאַטערן פֿון אָביעקט, דאָס שליסט נאַטירלעך נישט אויס דעם באַוווסטזיניק= קינסטלערישן מעטאָד.

צו די אייגנאַרטיקע שעפֿערישע שטריכן משה = לייבס געהערן אויך: דער מייסטערהאַפֿטער גראָטעסק און די קאַשמאַר = אַנגעלאָדענע וויזיע. זײַנע גראָטעסקע, אין בורלעסקן טאָן געהאַלטענע, געשטאַלטן זײַנען ממש שעדעווערס פֿון דעם זשאַנער בײַ אונדז. די רייך = צעבליטע פֿאַרשטעלונגס = קראַפֿט פֿון דעם גרויסן פּאָעט זעט בפֿירוש די שרעקהאַפֿטע קאָנטורן פֿון דעם פּאָטאַלן „רײַטער", וואָס שלעפּט נאָך זיך המונים פֿינצטערלינגען אין דער פּאָטאַלער געשיכטע= לעכער „נאַכט".

געוויס זענען צווישן האַלבעריגס לידער פֿאַראַן אויך מאַנכע נישט= גלענצנדיקע, פֿון דעם א. ג. „פּובליציסטישן" מין. בכלל אָבער טראָגן זיי אויף זיך דעם חותם פֿון אַ גוואַלדיק = סענזיטיווער דיכטערישער נאַטור, זיי הויכן מיט דעם הייסן אָטעם פֿון אַ פּאָעט = פּערזענלעכקייט, מיר זענען געוווינט צו צוטיילן דעם אָביעקטיוו „גרויס" צו אַ מין דיכטונג, וואָס שטראַלט אויס פֿון זיך דער= לייזונג פֿאַר יחיד און כּלל, אָדער איינעם פֿון זיי. פֿיל אָנערקענען נישט בײַ משה= לייבן קיין גרויסקייט, צוליב דעם אַנטבלויזנדיקן, אַנאַליטישן כאַראַקטער פֿון זײַן שאַפֿן. משה לייב מאָלט זיך טאַקע נישט אויס די „אייביקייט" מיט קיין בלאָען מוסטער (ווי אַ געוויסער חוקר, וואָס „מאַכט מיטן פֿינגער אַ קרײַז אין דער לופֿט און רופֿט דאָס אוניווערז"...). משה = לייב ברענגט טאַקע נישט קיין דערלייזונג אין דער'פֿאָרם פֿון אַ זיס וואָרט = קאָמפּאָט, אײַנגעהילט אין אַ גאָלד און זילבער געליישט פּאַפּירל. ער ברענגט אָבער דערלייזונג אויף אַן אַנדער אופֿן: דערלייזונג דורך — אויפֿלייזונג. דאָס הייסט נישט, אַז ער, משה = לייב, איז עפּעס אַ מין נירוואַנע פֿילאָזאָף, ווײַל אויך נירוואַנע איז אַזאַ מין „צוקערל" מיט פֿיל הבטחות. אין משה = לייבן זענען די פּרוזשינעס פֿון די דענקערישע סך=

חכלן און אינטואיטיוון אומרו צו פיל און צו שטארק אנגעדרייט, און זייער בויערג=דיקע שארף זאל זיך אפשטעלן אויף וועלכער נישט איז מאטעריע משה = לייבס געגירן, זיין זרחישע מעלאנכאליע און אומגעשטילטע פארצווייפלונג באקומען א טיפקייט, וואָג און אומענדלעכע פערספעקטיוו. דערלייזונג דורך אויפלייזונג.

אזוי ענדיקט זיך טאקע זיין ,,ניו = יארק" — איינס פון די שטארקסטע — אויב נישט דאס שטארקסטע — פאעזיע = בוך אין דער מאדערנער יידישער ליטעראטור:

,,מיך האט דא קיינער נישט געזען
איך בין דא קיינמאל נישט געוועזן".

אזוי האט נאך קיינער ביי אונדז נישט געזען, אזא פאעט איז ביי אונדז נאך נישט געווען.

מ. נאדיר

„ס׳איז מיר אומעטיק, ליבער גאָט.
דיין וועלט איז שוין אזוי אלט. די זון גייט אויף
און גייט אונטער אזוי באנאל און רעגלמעסיק.
פרילינג, זומער הארבסט און ווינטער זענען פיר
שוועסטער פון איין גלייכגילטיקער סימפאטישער מאמען.
דיין לבנה, ליבער גאָט, דערמאָנט אין דעם זילבער פון
אָפּגעריבענע מטביעות. דיינע שטערן פינטלען אזוי
אומפארשטענדלער.
און מיר אלע טראגן דעם טויט אין אונדזערע הערצער,
ווי א ממזר.
א פרעמדן טויט, באשאפן פון א פרעמדן גאָט, וועלכער
אַמוזירט אונדז נישט.
ס׳איז אומעטיק, ליבער גאָט, דעריבער בין איך אזוי
קלוג און פול מיט וועלט־שמערץ — א זאך, וואס געפעלט
זייער די דאמען״. (מ. נאדיר)

ערגעץ אין די טיפן פון אונדזער געמיט איז דאָ א געהיים טונעלעכל, וואס פאראייניקט טרויער און פרייד. ווען דער מענטש איז טרויעריק — וויינט ער, ווען ער איז פריילעך — לאכט ער. עס טרעפט אויך, אז דער מענטש וויינט פון גרויס פרייד, פונקט אזוי ווי פון טיפן אומגליק זאל ער אויסברעכן אין א היסטערישן געלעכטער.

די נאָענטע שייכותן פון די געמיט פּאָליוסן קומען נאך בולטער צום אויסדרוק אין זייער סובלימירטער פארם, אין דער ליטעראטור. טשעכאווישער אומעט איז געווארן א שם־דבר. ביי אט דעם שווינדזוכטיקן מייסטער פון דער קורצער נאָוועלע, וואס ענדיקט זיך מיט דער פוענטע — א לאַך־קאסקאדע, איז אלדאָס לעכערלעכע און קאָמישע — צוריקצופירן צום טרויער.

א פרעדיספאזיציע צום מעלאנכאלישן און פאטאליסטישן — געפינט

איר פארקערפערונג אין די סאמע אומווארשיינלעכע און דאָך רעאלע וואריאַציעס און מאָדעלירונגען פון דער קאָליזיע־רייכער מענטשלעכער נאטור. קומענדיק פון א טרויער — וויא־קאמעדיע, גייט דער קינסטלער צוריק צום אומעט — דער ענד־סטאציע פון מענטשלעכן גורל.

גאגאל, דער מייסטער פון הילכיקן געלעכטער, גיט אונדז צווישן איין קאמישן עפיזאד און צווייטן — א טראגיש־מעלאנכאלישן אינטערמעצא (באשרייבנדיק, למשל, דעם הארבסטיקן רעגן), וואס דערמאנט אין האפנונגסלאזן גאנג צום סוף.

ס׳איז איבעריק צו ברענגען באווייזן פון די טיפע צוזאמענהאנגען פון טרויער און פרייד און פון הומאר און טראגיזם אין דער ליטעראטור — אזעלכע זענען דא אן א שיעור.

די דאזיקע דערקענטעניש וועט צונוץ קומען ביים דערשפירן די קאמפליצירטע און חידושים־פולע דערשיינונג „משה נאדיר”.

דער הערשט פון „ווילדן ווערטערוואלד” כאראקטעריזירט זיך גאר טרעפלעך, ווען ער זאגט אין זיין „וואס מיינט איר דערמיט”?:

....„ווען גאט האט נישט געהאט וואס צו טאן, האט ער באשאפן א וועלט, ווען איך האב נישט וואס צו טאן, אנטשאף איך די דאזיקע וועלט אויף אזוי פיל, ווי עס ליגט אין מיינע כוחות”.

יא, ער אנטשאפט!

דער פרינץ פון נאראיעוו אין דער געבלימטער קימאנע האט אריינגעשיינט מיט א סך חנען אין דער יידישער ליטעראטור, אריינגעהויכט אין איר א ביז אים פרעמדן אראמאט פון „מה נאה אילן זה”, פון א פארביקן, כלומרשט „גלאט־אזוי־דיקן, קאלירן־שפיל אויף די כוואליעס פון אויסגעטראכטע זאכן”.

(אין דער יידישער ליריק האט עס אריינגעפירט דער קאפריזנע־צעבאלעוועטער לירישער פיאנער, זישא לאנדוי).

האבט זיך נישט, א חוץ שלום עליכם, נאך א יידישער שרייבער, וועמענס נאמען זאל ארויסגעזאגט ווערן מיט אזא זאפטיקייט ווי נאדיר.

פארשטייט זיך, אז איבער אזעלכע שרייבער, פארשידנארטיקע אין מהות און אויסדרוק, הענגט די באצייכענונג „הומאריסט” — נאר ווי א קאנווענציאנעלע נאמענקלאטור.

שלום עליכם, דורך דעם מויל פון טביהן און אנדערע מעדיומס, גיט דעם בנעימותדיקן, מיט געמיטלעכקייט פארמילכיקטן און באהעלטן הומאר, וואס איז נוטה צו דער אידיליע אין דער נאטור. דער דאזיקער הומאר, אן אידילישער אין זיין מהות, שליסט ממילא אויס דעם דראמאטישן, נאקעטן צוזאמענשטויס. פאר דעם־אָ הומאר איז כאראקטעריסטיש די קינסטלערישע עקספלואטאציע פון דעם העלדס אידיאמען, ווערטלעך און שטייגער־אויס־

דרוקן, פון וועלכע דער אויטאר איז זיך משמח און לאכט מיט ווי א טאטע, וואס קוועלט אן פון זיין קינד באהנטע שטאמלערייען.

נאדירן, ביי זיין גאנצער „פליסיקייט" און נישט אנטאפבארער פענאמענאלקייט, קען מען גיכער באצייכענען, ווי א טראגי-קאמיקער-הומאריסט.

אוודאי איז משה נאדיר איינער פון אונדזערע אייגנארטיקסטע ריכטער-קינסטלער, און ווען מען זאל זוכן אן אנאלאגישע געשטאלט אפילו אין דער אייראפעאישער ליטעראטור — וועט עס זיין נישט לייכט.

כדי צו רעפראדוצירן אין דער פארשטעלונג די נאדיר-געשטאלט, וואלט זיך געפאדערט צו נעמען וועזנטלעכע שעפערישע שטריכן פון אייניקע אייראפעאישע מייסטער. אזוי למשל, דעם געדעמפטן ליריזם און די צעזונגענע, אביסל לופטיקע עראטאמאניע פון דעם ווינער וואגאבונד פעטער אלטענבערג, דעם נאכמיטיקדיקן, קאלטלעכן שלאפראק-הומאניזם און די עלעגאנטע, סענסועלע וויזהייט פון אנאטאל פראנס. איך וואלט נאך געוואגט צוצוגעבן אייניקע שטריכן פון טשעכאווס עקספלאדירנדיקע פינאלישקייט אין זיינע וונדערבארע נאוועלן, וואס וואקסט אן אי סיבהדיק, אי אומגעריכט ווי א נאטור שטורעם. פארשטייט זיך, אז די אלע באזונדערע שטריכן זענען ביי נאדירן נישט אזוי שארף און מאנומענטאל, ווי ביי די דערמאנטע מייסטער, אבער זיי אלע און, מעגלעך א ריי אנדערע, שטעלן צונויף זיין שעפערישן פארטרעט.

ביי נאדירן, דעם ביטערן סאטיריקער און טראגי-קאמיקער, פונקט ווי ביי אנדערע זיינע גרויסע ליטעראַרישע פארגייער, (גאגאל א. א.) ברעכט דער פאטאס, דער דראמאטישער אויפרייס-שטאף, ארויס פון דער נאטור פון זיינע העלדן, ווי א לאווע פון א פייער-שפייענדיקן בארג; דער פאטאס טרעט ארויס ביי זיי אין דער פארם פון כל-ערליי שלים-מזלערייען, משונהדיקייטן און כאראקטעראלאגישע „דיבוקים".

נאדירס קורצינקע ליטעראַרישע מאזאיק-בלעטער פארמאגן נישט די טיפקייט און וואגיקייט פון טשעכאווס איידעלן אומעט; זיי פארמאגן אויך נישט דעם באפליגלטן ריטם פון אלטענבערגס ליריק, און אוודאי נישט די הויך-קינסטלערישע געשטאלטיקונגס-מיטלען פון א גאגאל; זיי זענען אבער זעלטענע אוצרות מיט זייער ים-מושלדיקער פארביקייט, קינסטלעריש-געמייסטערטן שארזש און מיט זייער פסיכאלאגישן שילדערן פון דעם גראטעסקהאפטן אינעם מענטשן.

נאטירלעך איז משה נאדיר נישט דער „שרייבער פון פאלק", אין דעם זין ווי שלום-עליכם איז עס. ער איז אבער דער פאלקס-שרייבער פון ליטעראַרישן לייענער, אין דער צייט ווען ש"ע איז שוין פאפולער אפילו ביי די,

וואס קענען נישט, צוליב די אדער אנדערע סיבות, לייענען „זייער" שרייבער...

מאנכע סענטענצן פון די „מעשהלעך מיט א מאראל" זיינען געווארן פאלקס־ווערטלעך — ביים ליטעראטור־לייענדיקן פאלק. למשל: „א קעניג איז אויך נישט מער ווי א מענטש, און אמאל נאך ווייניקער...". אדער: „דער רעגן רעגנט פאר אלעמען גלייך — פארן שולדיקן און פאר דעם אומשולדיקן, נאר אביסל מער פאר דעם אומשולדיקן, ביי וועלכן דער שולדיקער גנבעט געווײנלעך צו דעם רעגנשירם...".

איינער פון די הויפט־שטריכן אין די פיליגראנישע שערעווערס פון די „אויסגעטראכטע זאכן", „אין ווילדן ווערטער וואלד", „מיינע הענט האבן נישט פארגאסן דאס האזיקע בלוט" א. אנד. שטיפערייען פון דעם געניאלן קונדס — איז זיין בליצהאפטע ווארט־איבערשאפונג. אז דער מחבר פון „אויף געלעכטער" גיט א זאג: "די גליקלעכע צוקונפט איז געווען ווייט, אזוי ווייט ווי זי איז אלעמאל — אפילו אין דער צוקונפט..." — ווירקט דאס נישט סתם ווי א שפילעכל, נאר ווי אן איבערצייגנדיקער נעגאטיווער קרעדא.

אדער אזא מין פעסטשטעלונג: „די וועלט־געשיכטע איז די געשיכטע פון דער וועלט־געשיכטע זעלבסט" — ליגט דערין, אויסער דער פלאדיקער ווארט־קונסט, א געוואלטיקע געשיכטלעך־קריטישע נעגאציע און אירעאל־רייסעריי פון דער באלארבעטער און פארווילדעוועטער וועלט־געשיכטע אויף דער פארשיווקע־זייט....

נאדיר רייסט זיך אריין ווי א צעשטערנדיקער שטורעם אין דער גערעגלטער הארמאניע פון ווערטער און באגריפן; ער ברענגט אריין א שעפערישן כאָאס אין דעם לאגיש־באנאלן און אפגעבליאקעוועטן ווארט. די רוטין־פארזשאווערטע פראַזע ווערט אין זיין אטעם ווייך און בויגיק ווי ווייס־צעגליט מעטאל. זי באקומט א נייעם זין, א נייע דימענזיע און א נייע קאטעגאריע.

מען קען מיט א גרונט צווייפלען, צי אין אויסערלעך־ליטערארישן עפעקט שטייט אפּ נאדירס פאראדאקסאלער גלאנץ און שטראמיקייט — פון דעם פאראדאקסן־קעניג אסקאר אוואילד, און אפילו פון זיין וואגיקן אינהאלט.

שווער אריינצופאסן דאס גייסטיקע בילד נאדירס אין א ראם פון קאנווענציאנעלער קלאסיפיצירונג. דאס איז א קינסטלער, וואס בייט זיינע קאלירן, עמאציע־כוואליעס ווי דער ים, צו וועלכן באדלער פארגלייכט אזוי געלונגען דעם מענטש. דאס איז א קינסטלער, וואס כישופט אויס הארמאניע פון ווידערשפרוכן. קעגנער האבן אים אפט פארשריגן אלס ווירטואזן קלאון, אלס אינטעלעקטועלן קונצנמאכער, וואס באלאנסירט אויף דינע פראזן־שנורן איבער א תהום פון אידייאישער פוסטקייט און אינדיפערענץ.

זיכער האט נאדיר אין זיך עפעס געוואגט־דעמאנישעס, קאפ־

שווינדלענדיקע אסאציאציעס — אקראבאטיק, וואס ווינקט מיט שעלמישער קאקעטעריע, איין אייגל פארזשמורעט... זיין קאנסעקווענטקייט פון... ווידערשפרוכן און סתירות = רייכקייט איז צווישן אנדערע אויך געקומען צום אויסדרוק אין זיין בייטן די פאליטישע און מאמינס און אנשויאונגען. ווי זאגט ער אין זיין „יחוס = בריוו":

„...מיינע ליבעס זענען קליין און אויסגעטראכט און ווערן נמאס און דערעסן ווי די שניפסן"...

צו די „ליבעס" קען מען אויך אריינרעכענען זיינע פּאָליטישע, געזעלשאפטלעכע און אידייאישע...

צו דעם „שניפסן" = סעזאָן געהערט אויך זיין א. ג. „פּראָלעטארישער" שאפונגס = פעריאָד.

קען זיין, אז די רעוואלוציע = לידער, ווי: „פויסטן און פאָנען" א. אנד. זענען נישט קיין פוסטע מויל = מלאכה פון א לידלדיקן פראפאגאנדיסט; אין בעסטן פאל אָבער זענען זיי א ליטעראריש = פּאָליטיש „מאזליען", א פאראיבערגייענדיקע סאציאלע „היץ". און באמת: שווער זיך פארצושטעלן נאדירן אין דער ראל פון אן אנגעבמורעט = פאַטעטישן פאנענטרעגער, פון א פריידיקער מוכיח און א פרומען, גלייביקן דאווענער פון דער אידייען = רוטין. צו דעם האבן אים געפעלט א סך כאראקטעריסטישע איינגנשאפטן. ער איז אין דער אמתן געווען אין זיין דיכטעריש = פילאזאפישער שורש'דיקייט דאס, וואס מען רופט: הייד. דאס פאליטעאיסטישע, וואס באצייכנט די אלטע הייַדן, איז ביים מאדערנעם מענטשן פארוואנדלט געווארן אין אן אגנאסטיש = סקעפטישן וועלטבליק.

די פאנען און געטער ביי אזא שטיפערישן = דיכטער, ווי נאדיר, קענען נישט האבן קיין דויערנדיקע האפט. ער איז צו נייגיריק, צו ניכטערקלוג, אז ער זאל בארוישט ווערן מיט רעליגיעזן פאטאָס פון יעדן מין. פלאבער זאגט ערגעץ: „מען טאָר זיך נישט צורירן צו קיין געטשקעס, ווייל די באגילדקייט בלייבט אויף די הענט". משה נאדירס נייגיריקע און פלינקע הענט באריִרן שוין גאָר = אָפט אלערליי געטשקעס. משה נאדיר צעברעכט די לוחות... ער איז געגצלעך באפרייט פון א מענטאליטעט, וואס שפייזט דעם רעליגיעזן פאטאָס פו יעדער ארט.

אן אילוסטרירנדיקן שטריך פון דעם הערעטישן סקעפטיקער און דעמאנישן ניין = ברומער איז דער עפיקורעאישער סענסואליזם, וואס ווערט אין תלמוד טרעפלעך פארמולירט: „...אבול ושתא... עלמא כהילולא דמיא"...

דאס איז א באקענונג און דינסט צו עראסן, וואס ווערט א לעבנס = קולט, און צו וועמען ס'ווערן געאָפפערט גלויבנס, פרומקייטן און „פרינציפנווארג". ס'דראָט אבער דעם = אָ קולט אין דער ליטעראטור פארוואנדלט צו ווערן אין א וואלגארער, פעטישיסטישער און מאגיאקאלישער עבודה = זרה, וואס קען זיין

גאר א נעבעכדיקער ווידערקול פון דער טעמפער און גראנקלאָזער סעקס=
געזונקייט פון די יושב = קרנות...

משה נאַדיר ביי זיין גאנצער עקסטראוואגאנטער צולהכעיסדיקייט, איז
אָבער צופי עסטעט, רעניקער אין קולטור = קריטיקער, אז ער זאל ארייפאלן
אין בלינדן געסל פון קאפ = פארלירנדיקער תאווה = עבודה = זרה. ער כאראק=
טעריזירט זיך אליין טרעפלעך אין דערמאנטן „יחוס = בריוו״...:

....„און גוט בין איך פאר אויג און אויער. מיין צעפאלנקייט איז, ווי דאָס
דופטיק = פיינע וויאנען פון דעם לעצטן עפל אין א ווינטערוואלד״...

עפעס איז טאקע דא ביי אים פון דעם „דופטיק = פיינעם וויאנען״, זיין
איבערראפינירטע גראנקלעכע רייפקייט פארוואנדלט ביי אים דאס וואָרט און
דאס בילד אין און איבערצייטיקער פרי, וואס הייבט צו ביסלעך אָן זיך צו ענ=
דערן — צוליב איבעררייפקייט... נאדיר איז דער דיכטער מיט א פארשידנ=
ארטיקן מענטאלן קלימאט. יעדע באהארצטע, הייסע און לירישע = צאפלדיקע
טרער ווערט ביי אים, אדורכגייענדיק אין אנדערע ספערן, פארקילט, פארגלי=
ווערט און פארפרוירן אין גלענצנדיק = אייזיקע ציגישע פאָרמען. טאָמער
תפילהט ער שוין ערגעץ אוים א ווארעמען „אוי״, א פרומען פליסטער און הת=
פעלות׳דיקן זיפץ — כאפט ער באלד און גיט זיך א פארקרום פאר זיך אליין
מיט אלע ווירטואזע זעלבסט = קרומעגישן פון א ראפינירטן ארלעקין.

א סך פון זיינע אייגנארטיקע מיניאטורן, צו וועלכע מען קען נישט
(ווי צו אלע זיינע שאפונגען) צוקלעבן קיין קלאסיפיקאציע = עטיקעטל, זענען
פיינע, לירישע קאפיטלען, וואס דערמאנען אין די קליינע פאָעמעס און פראזע
פון טורגעניעוו מאפאסאן און אלטענבערג; נישט מער: זיין כמעט = קרענק=
לעכע שפיציקייט גיט זיך באלד א לאָז מיט די שארפזין = הערנער און מאכט
פון דעם אלעם א תל...

ווען נאדירן ווערט נמאס די ליטעראַרישע מאגיער פון לירזירן און
קאָנטר = לירזירן, פארגעסט ער אין זיך: „עס איז בעסער ליב צו האבן א נישט=
פארקעמטע נעגערין, ווי ליב צו האבן די בארימטסטע פערזענלעכקייט אין דער
וועלט, ווען די דאזיקע פערזענלעכקייט איז — דו אליין״...

ער שטעלט דאן אָן זיין קאמערא, וואס איז סיי א ליכט = שאָטן = פאר=
פיקסירער, סיי א... ווערטער = קוילנווארפער; אָדער ער שטעלט זיך אוועק
קעמפן און מיט ווערטער, ווי תלפים, קוילעט ער סיי דאס נאריש = „מו״עדיקע,
סיי דאס טיגעריש = ערמה׳דיקע און ער רייצט זיך נאך:

— „מיינע הענט האבן נישט פארגאסן דאס דאזיקע בלוט״...

נאדיר, דער פארביסענער סאטיריקער, האט געשאפן א רייבע טיפן=גא=
לעריע פון כל = המינים „טשודאַקעס״, לעכערלעכע מאַניאַקעס, אָרעמע תמימים,
גייסט = פארפעלצטע פיליסטערס א. א. וו.

געטריי זיין בארוף פון א פיליגראן = קינסטלער, כאפט ער אויף „ברעק=

לעד": כאַראַקטעריסטישע שוואַרצע מומים, קנייטשן און שאָטנס-דעפעקטן אויף דעם ווייס-שוימיקן פּאָן פון זיין העמאַנישער בייזפּרייד, אָדער ער גיט אַ בליץ-קווערשניט, אַ מין ליטעראַרישן קפיצת-הדרך, געבנדיק אין עטלעכע צענדליק שורות אַ בילדעלע פון זיין קרבן-העלדס לעבנדל...

נאַדיר באַווייזט וואונדער מיט זיין משונה'דיקער „קאַמעראַ". ער גיט זיינע שאַרזש-העלדן אַזאַ קינסטלערישן רעליעף, אַז זיי קריצן זיך איין אין אונדזער זכרון מיט דער איינדרינגלעכקייט פון לעבעדיקע וועזנס.

די אַלע „פּאַרביסענע קעניגן", „אַנטיקוואַרן", „ערשטע דעפּאָזיטערן" א. אַנד. כאַפּט ער אַריין אין דעם קרייז פון זיין באַטראַכטונג און קוועלט זיך, ווי אַ קינד מיט אַ זעלטענעם „כראַבאָנדזש" אין אַ גלאָז...

אויסער דעם ליטעראַרישן אָביעקטיוו, האָט נאַדיר, ווי געזאָגט, אין זיין אַפּאַראַט אַ וווּנדער-קוילנוואַרפער — דאָס איז דער סוביעקטיווער קינסטלעריש-פילאָסאָפישער טאָן — דאָס קלוג-ווערטל, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין דער געפּערלעכסטער עצמות-ברענענדיקער דום-קויל...

* * *

משה נאַדיר פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ יחידישע לאַזשע.

זיין פינקלענדיק וואָרט איז אַ דראָט, וואָס גלאַנצט און איז גלייכצייטיק אָנגעלאָדן מיט אַ הויכער שפּאַנונג. הינטער אַלע זיינע לצנישע פּאַקוסן, אַרלעקינישע גרימאַסן, הינטער זיין גלענצנדיקער, קינסטלערישער קוועקזילבערדיקייט, וואָס לויפט אַהין און אַהער — הינטער דעם אַלעם שיינט, ווי דורך אַ נעפּל, דאָס געשטאַלט פון אַ טיף-סענסיבלען און פיין-מפונק'דיקן פּאָעט.

ער' איז דער דיכטער מיט טויזנט מאַסקעס, ער איז אייגענע זעלבסט-פאַרלייקענונג, ווי אין ניטשעס פּאַראַדאָקס: ....„און אַז איר וועט מיך פאַרלייקענען — וועט איר מיך ווידער געפינען"...

דאָס נאַדיר-געשטאַלט מיט דער רעגנבויגנדיקער שפּראַך, לוקסוס-ראַפינירטער פיל-סטיליקייט און קאַפּריזנער אָרנאַמענטיק איז אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וווּנדערלעך „מעשהלע מיט אַ מאָראַל" און וועט ווי פיל אַנדערע „אויסגעטראַכטע זאַכן" — באַצירן דעם גרויען פּאָן פון דער אַלוואַכעדיקייט.

ה. לייוויק

אינעם גרויסן ארקעסטער פון דער יידישער ליריק שפילט אויס ה. לייוויק אויף זיין סאלא ⸗ פידל א צוויי אייביק זיך איבערחזרנדיקע טענער. ער שפילט זיי אבער אויס אזוי מייסטערהאפט, אז זיי ווערן אונדז נאנט און אייגן און געהערן צום אוצר פון אונדזערע זעלטנסטע מעלאדיעס. די דאזיקע טענער זיינען: אור⸗שניי ⸗ ווייסקייט און געלייטערט וויי. די ווייסקייט פון די אומענדלעכע סיבירער שניי ⸗ פעלדער און דער געבראזג פון קייטן — די צוויי באגלייטער זיינע אין דער צארישער פארשיקונג — האבן אים נישט פארלאזן אין זיין ווייטערדיקן דיכטערישן וועג. דער שניי פון די סיבירער אור ⸗ פעלדער איז געווארן ביי לייוויקן מער ווי א פאעטיש הילפס ⸗ מיטל; ס'איז געווארן א טיפער סימבאל, א וועלט ⸗ בליק. די ווייסקייט פון שניי איז ביי לייוויקן א גרויסער נשמה ⸗ שטראם, אין וועלכע עס ווערן בטל בששים אלע קליינע שווארצע ריטשקעלעך. די פיזישע קייטן, פון וועלכע ער איז פטור געווארן נאך א זעקס יאריקן תפיסה ⸗ לעבן, האט לייוויק פארוואנדלט אין א ליידן ⸗ סימבאל פון א טיפן זין. די „קייטן" פון געלייטערטן וויי — אינערלעכע געבונדנקייט מיט וועלט, מיט מענטש, מיט גאט. שפאנענדיק מיט די קייטן איבער לויטערן שניי, איבער לאנגע שטרעקעס פון דיכטערישער שאפונג, דורך „סיבירער וועגן", „הינטער שלאס", „אין קייניעמס⸗לאנד" א. א. — האט דער דיכטער באוויזן צו שאפן א מין אידעיש ⸗ דיכטערישע סינטעזע פון ליידן און לויטערקייט: דאס געשטאלט פון משיח און דעם פיבערדיקן טרוים, בענקשאפט צו אים — דעם הייסן פאן, אויף וועלכן ס'אנטשטייען די וואונדערלעכע משיח ⸗ מיראזשן.

די איינטאניקייט, ריכטיקער — די צווייטאניקייט אין לייוויקס רייכן ליטערארישן ווערק איז פון ריינסטן סארט. מען וואלט זיי געקענט פארגלייכן צו די בעסטע מוסטערן פון דער איינטאניקער מזרח ⸗ מוזיק: הגם איין ⸗ צעלע ארטיק אין קלאנג — באווירקט זי אונדז אויף א געוואלטיקן סוגעסטיוון אופן דורך איר אוממיטלבארקייט.

* * *

בײ אַ יובילײ פֿון אַ דיכטער פֿון אַזאַ פֿאַרנעם, װערן כּנהוג נישט געזשאַלעװעט קײן אַלגעמײנע באַצײכענונגען אין שם התּוארים: „דער גרױסער, אָריגינעלער", „אַ בּכבֿודיק אָרט אין דער ליטעראַטור", „אַ נײַע שיטה" א. אַ. װ. די זאַך איז אָבער אַזעלכע: טאַקע דערפֿאַר, װאָס די בעלי־היובֿל זענען „אָריגינעלע, גרױסע דיכטער, פֿאַרנעמען אַ בּכבֿודיקע פּאָזיציע און זענען אָנזאָגער פֿון אַ נײַער שיטה" — זענען אַזעלכע אַלגעמײנע באַצײכענונגען — נישט נאָר װאָס זײ שעפּן נישט אױס די דיכטערישע אינדיװידואַליטעט, נאָר פֿאַרקערט: זײ פֿאַרשטעלן פֿון אונדז דאָס דיכטער־געשטאַלט הינטער װאָלקנס פֿון שטױביקע, אָפּגענוצטע װערטער און באַגריפֿן.

פּונקט װי יענער קאָמפּליצירטער פּסוק בײ רש"ין, װאָס זאָגט: „דרשני", פֿאָדערט אױך בײ אונדז יעדע עכטע, שטאַרקע דיכטערישע פּערזענלעכקײט: דרשני — לערן מיך, פּאָרש מיך, אַנטדעק מיך אין זיך גופֿא.

אַנטדעקן דעם דיכטער, קינסטלער, קען מען אױף צװײ װעגן

1) קריטיש־אַנאַליטיש, און

2) קריטיש־התפּעלותדיקן, מיטזינגנדיקן — דעם עסײ.

מען קען און מען דאַרף יעדן װיכטיקן שרײַבער באַהאַנדלען אױף דעם פֿאָרשעריש־אַנאַליטישן אָדער פֿאָרשעריש־מיטזינגנדיקן אופֿן; אײנס איז אָבער קלאָר: מען מוז יעדעס מאָל, װען ס'קומט צו רײד װעגן אַ װיכטיקן שרײַבער, זיך שטעלן די פֿראַגע: „בּמה כּחו גדול?"

* * *

ה. לײװיקס נאָמען איז אױפֿגעגאַנגען אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער דיכטונג אין די יאָרן פֿון דער ערשטער װעלט־מלחמה, אַלס אײנער פֿון דער ליטעראַרישער גרופּע „יונגע". די גרופּע איז אַנטשטאַנען, װי אַ קינסטלערישער רעװאָלט קעגן דער האַלב־פּאַרטײטשמערישטער, האַלב־מליצה'דיקער, אַלטער ייִדישער פּאָעזיע. (הגם מען דאַרף צוגעבן, אַז מאַנכע פֿאַרשטײער פֿון דער „אַלטער" ייִדישער פּאָעזיע זענען געװען דיכטער מיט שטאַרקע קינסטלערישע פּאָטענצן און מיט אײגנאַרטיק־שעפֿערישע פֿיזיאָנאָמיעס).

צו דער גרופּע „יונגע", װאָס האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער פּאָעזיע עכטקײט, טאָן, פֿאַרב און אַראָמאַט — האָבן זיך גערעכנט: די פֿאַרשטאָרבענע מ. ל. האַלפּערן, זישע לאַנדױ און יבדלו לחיים, ה. לײװיק, מאַני לײב, י. ראָלניק און אַנדערע פֿײַנע דיכטער און שרײַבער, װאָס זענען מיט זײער אײגנאַרטיקײט און אומיטלבאַרער פֿרישקײט געװען אמתע מעין המתגבר'ס אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

משה־לײב האָט זיך געלאָזט אין אַ הפֿקר־װאַנזיניקן טאַנץ און געריסן פֿון זיך און פֿון דער װעלט די מאַסקעס און סוף־מאַסקעס, װי סאָלאַ=

מע — די זיבן שליידערן; זישע לאנדוי, דער רביאישער הילעניסט, האט כסדר געהאלטן אין מאכן שהחינו אויף זיין ראפינירט-פרימיטיווער פרייד; מאני לייב — א וויברירנדיקער טאן, האט ווייך און זאנפט זיך געטראגן ווי אן אוונטיקער פאסטאראל; ראלניק מיט זיין נזירישער רעזיגנאציע, איז געווארן אן איוב פון לאנד „נייד"; ער האט באוויזן, אדאנק זיין שורש'דיקער עכטקייט, ארויסצוקומען פ:ן אויסגאנגסלא:ן דערדריקנדיקן טרויער — צו די זוגען-פליינען פון איבער-אליץ — שוועבנדיקער שירה.

ה. לייוויק איז א געלייטערטער, א מזוקק שבעתים און אלע איבערלעבע און אויסערלעבע חבלי-ליידן. זיין ווארט, וואס איז אדורכגעגליט אין אלע פייערן פון פיין, איז אָפּגעקילט אין די קאלטע וואסערן פון אינטעלעקט און דערקענטעניש, פונדאנען — די געלייטערטקייט פון זיין ווארט, ווי פון א ריינעם, שאַפן גלאנצנדיקן שטאָל. צו זיין דיכטונג, און פון איר, פירן טרעפ: לייטערונג, עבודה-געראנגל, עקסטאטישער גלויבן און גאולה-בענקשאפט. דאס זוכנדיק-פארשנדיקע פון א דענקער, גייט אין זיינע שאפונגען צוזאמען מיט דער סוגעסטיווער קראפט פון ריינער, א:ממיטלבארער דיכטונג.

שוין מיט זיינע ערשטע לידער פון „וועגן סיבירער", „הינטערן שלאָס", האט לייוויק געגעבן די שארפע קאָנטורן פון זיין אינטערעסאנטן דיכטערישן סילועט.

ער געהערט נישט צו די דיכטער, וואס אויף זייער עמפינדלעכער הויט חתמעט זיך די רעאליטעט אין פארשידענע, סתירות'פולע און זיך קרייצנדיקע איינדרוקן. (באדלער פארגלייכט דעם מענטש אין זיין כוואליעסארטיקייט צום ים). ער געהערט צו די, וואס שפיגלען זיך אָפּ אין דער דרויסנדיקער רעאליטעט, דעריבער — די מאָנאָליטישקייט, דער סטאבילער קאָליר, קלאנג. אלע לידער-טענער זענען ביי אים נאר וואריאציעס פון איין גרונט-טאָן, אלע שטימונגס-קאָלירן — ניואנסן פון איין גרונט-שטימונג, און אלע זיינע שאפונגען — טיילן פון דעם קול הדממה דקה'דיקן לייוויק-ניגון: וטהר לבנו, לייטערונג

יעצן מען בלעטערט איבער לייוויקס לידער-בענדער, ווערט מען דורכגעדרונגען מיט א ספעציפישער אטמאספער און אויסבליק: עפעס ווי מען וואלט געקלעטערט אויף א מיט נעפלען-באדעקטן בארג, ווו ס'דארף אָט-אָט אויפברעכן דאס ליכט. די כסדרדיקע הענט-שטרעקעניש אין דער ווייט, אלע שטילע פליסטערס און שארף-מאָנענדיקע טענות, זענען נישט קיין מאמענטאלע אויסברוכן, כאראקטעריסטישע פאר די ראסאָווע פאָעטן, נאָר א פאמעלעך און דויערנדיק-פליסנדיקער שטראָם, וואס שלאגט פון א ריינעם אידייען-קוואל.

גרויס און וואגיק איז לייוויקס איצטיקער שעפערישער באגאזש, סיי אין כמות סיי אין איכות. פון און זייט — די ריין לירישע שאפונגען, וואס זע-

נען מערסטנטייל השתפכות הנפשדיקע דיאלאגן אדער מאנאלאגן פאר „אים״, וועלכע אידעאליסטן רופן „גאט״, און מאטעריאליסטן — „נאטור״.

אבער הגם לייוויק איז אין זיינע לירישע-מאנאלאגן, אזוי צו זאגן, זייער היימיש מיט גאט ווי מיטן נאנטסטן וועזן, איז ער דאך נישט סתם הימניש-פסאלמיש, ברכו נפשידיק, אלץ צופאטאקעווענדיק. ער טענה׳ט זיך הארציק אויס מיטן באשעפער, ער מאנט, פאדערט. דערפאר אבער, איז ער אויך נישט קיין דיכטער-בונטאר, קיין דעמאנישער ליריקער, וואס שטעלט זיך שטאלץ-קריגעריש מיט פארשטשעמטע ציין און געביילטע פויסטן אנטקעגן דער „שאפנדיקער און געשאפענער נאטור״; ער איז קיין קטיגור, וואס דונערט אויס א קאסמישן „זשאקין״, פארזינקנדיק דעם וועלט-אל אין די תהומות פון פארניכטנדיקע בליקן — צו דעם מין פאעטן, וואס אין דער וועלט-ליטעראטור זענען זיינע פארשטייער: בייראן, לענאו באדלער און אין דער יידישער — מ. ל. האלפערן, מאנגער א. א.

ניין, לייוויקס טענות, פאדערונגען, דראנגען און בונטן צו און קעגן דעם סדר העולם זענען שטילע ברוגז׳ן פון אן איידעלן, הארציקן און קלוגן זון מיט זיין גרויסן, גוטן און שטארקן פאטער, וואס האט אים מיט עפעס-וואס געקריוודעט. דער זון בונטעוועט זיך, אבער תוך כדי מחשבה באזינט ער זיך, אז דער פאטער, דער גרויסער, גוטער און שכלדיקער, האט, מן הסתם, רעכט. און אויב ס׳בלייבט נאך אלץ ביי אים א תרעומות, איז בלויז דערפאר, וואס דער פאטער איז אים נישט מסביר דעם זין פון דער קריוודעס נויטווענדיקייט.

ווי ס׳זאל נישט זיין — לייוויק איז א דיכטער, וואס קומט מיט שאלות, דערמאנונגען, קאנפליקטן — דאס אלץ מאכט זיין דיכטונג נישט אפאטעאזירנדיק הללויהדיק, נאר דראמאטיש-ראנגלדיק. די סתירות-קאנפליקטן באשטייען אין דעם, וואס דער דיכטער פון דער דערהויבנקייט און וויזיע פון כלו זכאי האט גלייכצייטיק אויך דאס קריטישע באוווסטזיין פון דער אלגעמיינער סאציאלער רעאליטעט, וואס איז נישט די „בעסטע פון די מעגלעכע וועלטן״, ווי ס׳וויל האבן דער פילאזאף לייבניץ. לייוויקס דיכטערישע וויזיע פארלירט זיך נישט אין דעם ווירבל פון אלערליי עלעמענטן-צוזאמענשטויסן, פארקערט, זיי פארגעסן נאר איר שפאנונג און אינטענסיווקייט. זאגט דאך ערגעץ העלדערלין, אז וואס גרעסער ס׳זענען די שטיינער אינמיטן פון א טייך, אלץ גרעסער, האסטיקער און מעכטיקער איז זיין שטראם.

* * *

לייוויק האט אריינגעטראגן אין דעם אוצר פון דער יידישער ליטעראטור א ריי דראמאטישע פאעמעס און דראמעס — קאמפאזיציעס, אין וועלכע די לייוויק-מעלאדיע ווערט אויפגעפירט אין כליש-ארקעסטרישער פארם, אין אלע ווראיאציעס. צו די שאפונגען געהערן די ווערק: „שאפ״, „באנקראט״.

„שמאטעס", „קייטן", „בעטלערס", „אבעלאר און העלאאיז", „גולם", „גאולה-קאמעדיע", „הירש לעקערט"-ווערק, וועגן וועלכע ס'איז שוין געשאפן געווארן א גאנצע קאמענטירנדיקע און אנאליזירנדיקע ליטעראטור. אויך אין די שאפונגען איז לייוויק געטריי זיין סוף-ריזלענדיקן קוואל פון גלויבן. נאר יעדער קאפראנטאציע פון דער דערהויבענער מחשבה מיט איר וואלגאריזירטער און קאריקאטורעלערווירקלעכקייט, טרעט די ערשטע אפ אין פארשידענע געשטאלטן (משיח א'א), אויף אויסוואורטנדיקע און אויסדויערנדיקע פאזיציעס.

* * *

דער נאמען לייוויק איז א סימבאל פון א שעפערישן אומדערמידלעכן טויכער אין טיפע גרונטן און קינסטלערישע עבודה — א נאמען-סימבאל, וואס איז טייער און הארציק יעדן אנהענגער פון דעם קולטור-סינטעז: יידי-שקייט-וועלטלעכקייט, וואס רופט זיך מאדערנע יידישע קולטור.

דאפלט טייער און אייגן איז דער נאמען דער ש"ה אין די לאגערן, מיט וועלכער לייוויק איז געקניפט און געבונדן מיט אינערלעכע אינטימע פעדעם, א בונד, וואס האט באקומען זיין טיפן אויסדרוק אין דם גרויסן ווערק „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", אין זיין באזוך אין די לאגערן, ווי בכלל אין זיין כסדרדיקן אומקערן זיך פערזענלעך און שרייבעריש צו דער „אומבאקוועמער טעמע".

ווער נאך קען זיך זאגן אזוי פשוט, עכט: עצם אתה מעצמי ובשר מבשרי — ווי לייוויק און די שארית-הפליטה? לייוויק, דער ציטערדיקער וויזיאנער, וואס זאמלט די פונקען פון רחמים, חסד און תפארת אין א מאטעריע-טויבער, גייסט-דערשטיקטער וועלט, און די שארית-הפליטה — דער פארקערפערטער פראטאטיפ פון זיינע לײדנדיקע „בעטלער", וואר ווארטן אויף דערלייזונג ביי די טויערן פון רוים; די שארית-הפליטה, וואס לײדט פון אלע מאדערנע ארמילוסעס און הענקערס, און א טראגישער סימבאל פון דעם היינצייטיקן סאדיסטישן סדומיזם, וואס פארוואנדלט נעכטיקע העפט-לינגע אין יאושלינגע, שמאכטנדיקע אין די נעכטיקע קאנצ. לאגערן און מארגנדי-קע אינטערנ. לאגערן.

די שארית-הפליטה ראנגלט זיך און קלאמערט זיך אין שארית התקווה אין שארית ה'אידיי, אין שארית ה'גלויבן. אין דעם געראנגל, און דעם קלאמערן זיך אין די לעבנס-ניצוצות, וועגדט זי גלייכצייטיק בליקן פון ווארעמקייט, נאנטקייט און דאנקבארקייט צו איר גרויסן פריינט און דעם „,ערן-ד. פ.", וואס האט דורכגעפיבערט מיט אונדז גייסטיק אין אלע טרעבלינקעס און איצט אין די „אייראַ"-הקדשים.

די שארית-הפליטה איז דאנקבאר לייוויקן פאר דער גרויסער גלויבנס-

טראנספּוזיע, מיט וועלכער ער האָט איר מאָראַליש געהאָלפן און געשטאַרקט.

מיר ווינטשן אונדזער ערן־בירגער, אַז ער זאָל פּאָרלירן איין טעמע: די יידישע טראַגעדיע, אַנשטאָט „טרעבלינקעס" זאָל ער שאַפן אַדעס און פּאָעמעס: „ווען ישראל דערוואַכט" און „ירושלים הבנויה".

אַ טיף־רעליגיעזער דיכטער איז לייוויק. אַזוי תהילימדיק איז זייער ווען, — זיינע לידער. ער איז נישט „אַנגעשיכורט מיט גאָט", ווי יעקב גלאַטשטיין זאָגט אין אַ ליד וועגן האַסטאָיעווסקין; לייוויק שווימט, פּאַרכליניעט זיך און זינקט זינגענדיק — און ווייס־וועראַ — אין גאָט. אַ גרויסער יחיד־בהרא־דיכטער איז לייוויק, מ׳קען זאָגן: אַ גרעסערער דיכטער ווי קינסטלער, בזיריש־איינפאַך — זיינע פּייזאַזשן, רעקוויזיטן און סימבאָלן: שניי־פלאַכן, ברענענדיקער דאָרן, קייטן, עקידה קולות א. א. וו. אָבער הינטערן שלאָס פון וואָרט פליסט דאָס הייסע שטראָמיק־שטורמישע בלוט פון גרויסן דיכטער — וויזיאָנער.

כ׳ווייס נישט צי שפּינאָזעס „גייסטיקע ליבע צו גאָט" — איז כאַראַקטעריסטיש פאַר לייוויקס שאַפונגען; אפשר גיכער — דער אַלט־ביבלישער: „בכל לבבך ובכל נפשך". דער דאָזיקער גאָט — גרונט־טאָן וועלכט אויף טויזנטער אופנים וואַריאירט. צי איז עס אין לידער פון דער דערנווער־סאַנאַטאָריע, „העלאָיז און אַבעלאַר" — די וווּנדערלעכע ליבע פון 2 סובטעלע וועזנס; צי איז דאָס „אין קיינעמס לאַנד" און אין אַנדערע לידער. דערלייזונג אין אַ ווייסקייטס־דוש פון לויטערקייט, פאַן־רחמימדיקייט, יסודות־דערקענונג. אַלע זיינע דיכטערישע פאַרעם זיינען פול מיט „אים". ער אָטעמט מיט אים און הויכט אים אויס אין זיינע שטיל־ציטערנדיגע שורות.

אַ צווייטער שטריך: די סובלימירטע, אַמאָליקע סגופים — די זעלבסטפּייניקונגען פון די פאַרצייטיקע בעלי־מדרגות, וואָס זענען אַפּטמאָל דערגאַנגען צו די לעגענדאַרישע גלגול־שלגם — מיט די דאָזיקע סגופים זענען איצט פול די וווּנדיקע שורות פון פּאָעט, וואָס שטייט אין מיטן פון פייער־ווירבל: טרעבלינקע.

חשבון — וועזנטלעכער טייל פון לייוויקס דיכטונג און פּערזענלעכקייט. חשבון מיט זיך, מיטן מיטמענטש, מיט גאָט.

אַנב איז לייוויקס גאָט, ווי עס שיינט, נישט קיין פאַרבאָרגענער און מיסטישע מרחקים; ער איז דאָ. און דעריבער אַזוי טיף דער טראַגישער געראַנגל. אין דער צייט, וואָס דער עסטעט זעט אין געטלעכקייט — שיינקייט, זעט דער גאָט־דורשטנדיקער נביא געטלעכקייט אין שיינקייט.

דעם פּאָעטס „לויטער" — חלום — דאָס איז זיין גאַנצע מענטאַליטעט. טרעטנדיק אויף די שניייאיקע פלאַכן פון זיינע „סיבירער וועגן" און אַלע אַנדערע זיינע ווערק, וואָס זענען שיטער באַלאַנדשאַפט מיט ברענענדיקע סנה׳ס א. א. פילן מיר, אונטער דער ווייסקייט — מאָנאָטאָניע, קנוילן זיך אַש־להבהם פון וועלטשאַפנדיקער קראַפט.

דער זין = פארטיפטער אינהאלט בלייבט נישט אויף דער אויבערפלאך. ער זינקט אין די שורות מיט וואגיקער משא, ווי א שווער באלאדענע שיף אין וואסער.

די גוואלטיקע אינערלעכע אינטענסיווקייט, דאס היילקע פייער פון גאט און גאולה = וויזיע, וואס פלאקערט באצויגן מיט אן אויסערלעכער ערד = פארמשאל, רייסט זיך אפט דורך דעם קראטער פון א געטורעמט ווארט.

די לעקטור פון לייוויקס לידער דערמאנט מיט זייער הייליקן ציטער און טיפער פרומקייט — א תהלים = זאגן אין א ווינטערדיקן שבת און די אלטע שטעטלעך.

די לעכצונג נאך דערלייזונג פונעם איינצלנעם, פונעם מין האנושי, פון דער וועלט — ווערט ארויסגעאטעמט אין אלע זיינע שאפונגען.

„דערלייזונג" — אלע קערפערלעכע, מאראלישע „ראסטן" אדורכגליען אין פלאם פון ווי — ביז ווייסקייט, אפקילן אין הכנעה פון העכערער מדרגה, און דאן — דאס שטאל פון דער פערזענלעכקייט.

דאס שענסטע ליד ביי לייוויקן איז טאקע — לייוויק אליין.

דערלייזן די וועלט, דעם מענטש — האבן, אייגנטלעך, זינט טויזנטער יארן, געפרווט גרעסערע און דייכערע פערזענלעכקייטן פון לייוויקן: דיכטער, דענקער, מאראליסטן א. א. און אויב זיי האבן נישט דערלייזט די וועלט, האבן זיי לכל הפחות נאך זייער פארגיין איבערגעלאזן די שפעטערדיקע דורות א ביסל ליכטיקייט און פלאמיקן גלי, ווי די אונטערגייענדיקע זון לאזט איבער נאך זיך א רויט = פארטראכטן הימל. דאס דויערנדיקסטע און סוגעסטירנדיקסטע פון א גרויסן טייל רעליגיעס, פילאזאפיעס, דיכטונגען א. א. גייסטיקע שאפונגען — זענען די געשטאלטן פון זייערע שעפער, וואס האבן קודם = כל אנגעווענדעט דעם תמצית פון זייער ווערק = דערלייזונג אויף זיך אליין (ווי גרויסע מעדיצינער, וואס עקספערימענטירן אויף זיך א נייעם סערום).

דאס ווערק פון די שעפער ווערט ביי אונדז פארפיקסירט צוזאמען מיט זיינע געשטאלטן און איין גאנצקייט. די דערלייזטע רעגן אונדז אן צו דערלייזונג.

דורך פיין, קדושה, קרבנותדיקייט, וואס באשפרענקלען די שניי = ווייסקייט פון זיינע לידער, קומט לייוויק צו דער דיכטערישער סינטעזע פון זיין לעבנסווערק — דער משיח געשטאלט און דעם משיח = טרוים אין פארשידענע וואריאציעס, אין זיינע דראמאטישע ווערק: „גולם", „גאולה = קאמעדיע" א. א. וועגן וואס די משיח = געשטאלטן, משיח = טרוימער אין לייוויקס דראמאטישע פאעמעס — זיינען אנגעשריבן געווארן א סך אפהאנדלונגען און אפילו גאנצע ביכער.

אויף וויפל לייוויק גיט אונדז אין זיינע ווערק נישט די געשטאלטן פון די פארשידענע רעאלע, עקזאלטירטע כמו = משיחים (שלמה מולכו, שבתי צבי א.א.), נאר טאקע דעם קלאסישן משיח פון דער יידישער מיטאלאגיע, איז עס טאקע

א שווערע אויפגאַבע: אים צו געבן ליטעראַריש לעבן, דראַמאַטיש בלוט און פלייש. אויך די משיח-אויספירער, טרוימער און באַהעלפער, אויף וויפל זיי זיינען אינטערפרעטירט אין דער ראַם פון דער לעגענדע, מאַכן נישט דעם אוממיטלבאַרן, גרויסן רושם, ווי זיינע לידער.

דערפאַר אָבער בלייבט דויערנדיק דאָס געשטאַלט פון לייוויקן — דעם משיח-מבשר און גאולה-וויזיאָנער, ס'איז איינגעקריצט און אונדזער פאַרשטעלונג דאָס סוגעסטיווע געזיכט מיט די שאַרפע, דין-פאַרשניטלטע ליפן, אויגן, וואָס מאָנען סיי דין, סיי רחמים; דער מעכטיקער קאָפּ — ווי א זון-באַשטראַלטער קופּאָל אונטער שניי; א געזיכט, א הייליק-ערנסטער פון א נזיר און א גבור (אין יידישן זין), וואָס האָט אַלע פּסולת'ן פאַרברענט אינעם פייער פון ליידן. א פּנים פון א דיכטער מיט דער ריינסטער פּראָבע פון געלייטערטקייט און עכטקייט:

צי דו ברענסט מיך אויף א פייער-פלאַם
צי דו פאַרדעקסט מיך מיט א קופּע שטיינער
אָדער דו הענגסט מיך אויף א שטערן ערגעץ.
פון א שטיינער-גרוב ביז צו א שטערן
איז זייער נאָנט —
א גראָדער וועג איז צווישן זיי.
(„ווי יעקבס לייטער").

י. גלאַטשטיין

יעקב גלאַטשטיין, איינער פון אונדזערע גייסטרייכסטע און אָריגינעלסטע דיכטער, א חוץ דעם א פיינער באַוועליסט און זעלטענער עסייאיסט — האט לעצטנס פארעפנטלעכט צוויי נייע וויכטיקע פּאָעטישע ווערק א. נ. „געדענקלידער" און „שטראַלנדיקע יידן".

גלאַטשטיין מיט זיין אייגנאַרטיקער ליטעראַרישער געשטאַלט און ווונדערלעכן אנהערשדיקן און פּיאָנערישן סטיל, איז, אזוי צו זאגן, אינטריגירנד און ביז גאָר אינטערעסאַנט פאר אן אויסשעפּלעכן עסיי וועגן א שרייבער, וואס איז געווארן ממש קלאַסיש.

גלאַטשטיין איז אנגעקומען אין דער אמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור מיט אן אייגנאַרטיקער וויזיטקע — א לידער־זאַמלונג א. נ. „יעקב גלאַטשטיין", אין יאר 1929.

ס'איז געווען די צייט, ווען די יידישע פּאָעזיע אין אמעריקע איז שוין לאַנג ארויס פון די קינדער־וויקעלעך. די זיסלעכע ווערסיפיצירטע מאמרים מיט סטאַנדאַרטנע און אָפּגענוצטע גראַמען, וואס האבן בלויז געגרילצט אין אויער, ווי: פּאָלק — טאָלק, ברוסט — לוסט, הערץ — שמערץ, האבן געמוזט אוועק אויפן ליטעראַרישן שול־בוידעם צווישן די פאַרמען־שימות.

די האַזיקע קינסטלערישע מאָנאָטאָניע, וואס האט באַדראָט און געשעדיקט אפילו אזעלכע פּאָעטישע ריזן, ווי מאָריס ראָזנפעלד און יהואש — איז באַזייטיקט געווארן אדאַנק א באַנייענדיקער און דערפרישנדיקער איינשפּריצונג. דאס יידישע ליד, וואס איז ווי אן איינגעטריקנטער טייך, שטיין געבליבן אין זיין בעטן, באַציענדיק זיך מיט א שימל פון איבערגעראָשענער באַנאַליטעט, איז אויפגעלעבט געווארן און אנגעהויבן זילבעריק פליסן, אדאַנק א פרישן, ריינעם און אינטענסיוון צושטראָם, וואס ס'האט געגעבן די גרופּע „יונגע".

די „יונגע" האבן אויפגעעפנט נייע האָריזאָנטן, דערקלערנדיק א גערעכטן האַרטנעקיקן קאַמף אלץ, וואס איז אָפּגעלעבט, שאַבלאָנמעסיק און קאָנ-

סערוואַטיוו-פאַרגליווערט. דאָס יידישע ליד איז געוואָרן באַרייכערט, פאַרטיפערט און פאַרפיינערט. פון די „יונגע" איז אויסגעוואַקסן אַ פּלעיאַדע שרייבער, וואָס האָבן פאַרנומען — אויסער די אַלטע, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צו די „יונגע", ווי יהואש א. א. — דעם אויבנאָן אין דער יידישער ליטעראַטור. געגוג צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען אין דער פּאָעזיע, ווי מ. ל. האַלפּערן, זישע לאַנדוי און, להבדיל בין החיים למתים, ה. לייוויק, א. לעיעלעס און אַנדערע.

ווי פון אַ שטורמישן, פלייצנדיקן טייך, האָט זיך שפּעטער פון דעם „יונגן" שטראָם אויסגעטיילט אַ באַזונדערער שטראָם א. נ. „אינזיך".

צו די באַגרינדער פון דער ליטעראַרישער שטרעמונג געהערן: א. לעיעלעס, י. גלאַטשטיין, נ. ב. מינקאָוו, דער פאַרשטאָרבענער ראובן לודוויג א. א.

ווי ס'איז צו זען פון דעם נאָמען „אינזיך" — האָט די גרופּע געשטעלט דעם טראָפּ אויף „זיך", און גייענדיק נאָך ווייטער פון די „יונגע", געפּרעדיקט — מיט גוטע ביישפּילן — נייע וועגן, ווייסן פערז און ראַפינירטע פאָרמען פון ליד.

די „אינזיכיסטן", מיט זייער אייגנאַרטיקן אופן פון קינסטלערישער פּערצעפּציע און אויסדרוק, האָבן איבערגעלאָזן אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אויף דער געשטאַלטיקונג און ניואַנסירונג פונעם יידישן ליד. גלאַטשטיין איז איינער פון די אָנגעזעענסטע רעפּרעזענטאַנטן פון אָט דער ליטעראַרישער שול, — צוזאַמען מיט א. לעיעלעס — פון די טיפּזיניקסטע און אין זיך אַריינדרינגענדיקסטע יידישע פּאָעטן.

גלאַטשטיין שיינט צו זיין דער „אינזיכיסטישער" פון אַלע פּאָעטן, אַדאַנק זיין מייסטערישע, קוועלנדיקע וואָרטשאַפונג און עשירות'פולער שפּראַך-פאַרשווענדערישקייט. דאָס וואָרט פאַרוואַנדלט זיך ביי דעם וואונדערלעכן שלייפער אין אַ בלישטשענדיקן איידלשטיין, וואָס איז פּילזייטיק געשליפן און פינקלט פון אַלע זייטן...

ס'זעט אויס, אַז דער „אינזיכיזם" — די ראַפינערטע פונעם ליד, איז ביי גלאַטשטיינען — נישט נאָר באַוווסטזיניק-געצילטער פּראָצעס, נאָר קודם כל אַן אייגנטימלעכע, נאַטירלעך-שעפערישע פאָרם, אַ סטיל, וואָס פאַרמאָגט די חריפות פון אַ תוספות און די מתיקות פון אַ רש"י...

ער איז מיט זיין שפּרודלדיקן און העכסט אייגנאַרטיקן סטיל אַוועק ווייט, נישט פון דער פּרימיטיווער, נאַאיווער און סענטימענטן-געזיסטער פּאָעזיע, נאָר אויך פון דער נייער פּיאָנעריש-זוכנדיקער ליריק.

פון די פריערדיקע לידער-ביכער גלאַטשטיינס, האָט צו מיר שטענדיק אַרויסגעוואונקען אַ געשטאַלט פון אַ דיכטער-עסטעט פאַר עקסעלאַנס. איך וואָלט כאַראַקטעריזירט דעם קינסטלערישן פּרצוף פון גלאַטשטיינען אויפן סמך פון זיינע ערשטע לידער-זאַמלונגען, אַלס וואונדערבאַרן פּאַראָדיסט פון נאַטור

אין מענטש. א דיכטערישע מענטאַליטעט, וואָס שפּיגלט אָפּ די אָביעקטן אין מאָדנע פּראָפּאָרצן און פֿאַנטאַסטישע פֿאָרמען.

אפילו אין בוך „שטראַלנדיקע ייִדן", וואָס איז א גרויסער אַפּאָטעאָז פֿאַר דער געשאָכטענער טויב — די כנסת־ישׂראל און א פֿייער־מצבֿה אויפֿן נאַציאָנאַלן בית־עולם פֿון אַש — אַפילו דאָ, צווישן די אויסגעוויטיקטע דיכטערישע מעדיטאַציעס און הימנישע יתגדל־ויתקדש'ס, וואָס דער פּאָעט־יתום זינגט אויס — זעען זיך אַרויס: פּאָעטיש־באַהויכטער געדאַנק, פּקחות'דיק געפֿיל און בליציק־חריפֿות'דיקע עקספּרעסיע.

גלאַטשטיין איז א שטאַרק קאָמפּליצירטער פּאָעט; ער פֿאַרמאָגט פֿון איין זייט דעם עספּרי־עלעמענט, די שפּיזלדיקע שאַרפֿקייט און גלאַנץ פֿון וואָרט און פּראָזע, וואָס גיבן צו זיין שאַפֿונג עפּעס פֿון דער גאַלאַנטער פֿראַנצויזישער פּיקאַנטעריע און געדאַנקען־שפּיל; פֿון דער צווייטער זייט, איז ער אַזוי ייִדישלעך ערנסט, און אַפילו די שפּאַסיקע טראַציקייטן זענען אַרומגעזוימט מיט א כּובֿד־ראש געפֿיל.

דאָס קאָמפּליצירטע איז אויך דערין, וואָס גלאַטשטיין איז איינער פֿון די פֿיינסטע ליריקער, נישט געקוקט אויף דער אויסערלעכער שאָרסטקער, היפּער־רעאַליסטישער און געדאַנקלעך־קריטישער שאָל, וועלכע שוואַך־צייניקע קענען נישט איינקייען...

שוין מיט הונדערט יאָר צוריק האָט היינריך היינע, דער לעצטער און איינער פֿון די גרעסטע ראָמאַנטיקער, געפֿירט א דאָפּלטע פּאָעטישע בוכאַלטעריע, אַרויסשטעלנדיק א סאַרקאַסטישע צונג און איראָניש שמייכלענדיק אויף דער נאַיוו סענטימענטאַלער ראָמאַנטישקייט, וואָס ער האָט מיט א שעה פֿריער אויסגעזונגען די דאָזיקע צעצוויטקייט פֿון נאַיוו־פֿרומען עקסטאַז און סענטימענט פֿון איין זייט און פֿון דעם רעאַליסטיש־אמת'דיקן און קריטישניכטערן פֿון דער צווייטער — זענען די צוויי מאַגנעטן, אַרום וועלכע ס'דרייט זיך און ווערט דינאַמיש־אָנגעלאָדן די מענטאַליטעט פֿון דעם מאָדערנעם פּאָעט.

ביי גלאַטשטיינען זענען די צוויי עלעמענטן וווּנדערלעך פֿאַראייניקט אין זיין אָריגינעלן סטיל, וואָס איז אייגנציקאַרטיק אין אונדזער ליריק.

אויף דעם זינגער פֿון די שטראַלנדיקע ייִדן קען מען — נישט ריזיקירנדיק מיט קיין גוזמא — זאָגן, אַז מרגליות בפֿומיה, יעדע שורה, אויסדרוק, אָדער אַסאָציאַציע, האָט ביי אים עפּעס א באַזונדערן זים־געפּעפּערטן טעם...

זיין ביבלישע פֿרומקייט און דערסטילירטע פֿאָלקסטימלעכקייט און ייִדישע כמורנעקייט, איז געמישט מיט א שאַרף־עסענציאָנעלן געדאַנק־זויער. מען קען זאָגן, אַז דאָס ליד זיינס איז ווי א געביידע פֿון רייך־אָרנאַמענטאַלער אַרכיטעקטור: אָפּגעזונדערט פֿון דער קאָמפּאָזיציאָנעלער שיינקייט, איז יעדע טייל פֿון איר א באַזונדער קונסט־ווערק; אָפּגעזונדערט פֿון דעם גאַנצן ליד־גע־

זאנג, איז יעדע שורה זיינע — א שטיק קוועקזילבער, וואס צוטיילנדיק זיך אין באזונדערע ווערטער-טײַלעכלעך, וועט עס אַלץ האבן א פארענדיקטע שלימות'דיקע פאָרם און דינאמישקייט... זיינס איז דאס „יידישע וואָרט", וואס ער באזינגט:

...יעדער וואָרט מוט שמעקן,
יעדער וואָרט מוט טריפן
און יעדער ווארט איז באזאפט
מיט באָבעשאפט...
אין א מחבר בליט א מאנדלשמעקן
און אויף אים שפּראָצן יידישע ווערטער
...און ארום דעם שמעקן וואקסן
זיסע קרייטאכצער
און עסט מען זיי, עפענען רעמעניש
זייער באטייטעכצער...
(געדענקלידער).

* * *

די זאמלונג „געדענקלידער" איז דערשינען אין יאר 1943, ווען ס'זענען דערגאנגען די אלאמירנדיקע ידיעות פון נאצישן עמק-הבכא וועגן דער קאטאסטראפע.

ס'זיינען כאראקטעריסטיש פאר דעם דיכטערישן פּאָרנעפּיל אזעלכע לידער, ווי: „ס'איז אונדז באפאלן א הונגער", „וועגענער", „א גוטע נאכט וועלט" און „די נאכט האט זיך צעבליט".

די לידער זענען געשריבן אין די יארן 1938 — 1939, ווען די לופט איז געווארן שטיקנדיק, ערב-שטורעמדיק. מיטעמבערלען, חער מינכען-שדכן, האט אונטערגעפירט אונטערן שירעם אייראפע צום היטלער-טויט; אין פוילן. וואס דארף באלד געפירט ווערן צו דער שחיטה, וויינט די פארקויפטע רעאקציע מיט פריסטאָר-טרערן אויף דער יידישער ריטועלער שחיטה; די צביעות'-דיקע דעמאקראטיע לאזט געדולדיק די נאצי-שלאנג אויפהויבן דעם קאָפּ.

יעקב גלאטשטיין זעט, ווי די נאכט האט זיך צעבליט, ווי א געשוויר, ווי א בלאָטער אויפן קארק. ער גיט מיט כוונה א טראסק מיט דער טיר און רופט:

„א גוטע נאכט, וועלט,
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט
...חרם וועלט אויף דיינע טריפהנע קולטורן
...חזיר'ישער דאטש, פיינטלעכער ליאך,
עמלק גנב, לאנד פון זויפן און פרעסן

שלאַברע דעמאָקראַטיע מיט דיינע קאַלטע
סימפּאַטיע קאָמפּרעסן"...

דער דיכטער גייט צוריק אין געטאָ צו די „קרומע גאַסן, הויקערדיקע לאַמטערן":

...נעמט די יעזוסמאַרקסעס ווערגט זיך מיט זייער מוט,
...איך גיי צוריק צו דלת ואמות,
פון וואַגנערס געץ־מוזיק צו ניגון, ברומען.

אין דעם גט־וואַרפן דער וועלט איז דאַ אַ תהום מיט פאַראַכטונג, שנאה, דורות־טרויער און וויי פון אַ יחיד, וואָס זעט די פּערל, וואָס מען האָט אומזיסט געוואָרפן פאַר די חזירים...

גלאַטשטיין זיצט שבעה פאַר „מאַפּעס און בית־עולמ'ס" און קלאָגט:

„...האָט חרוב געמאַכט די נייסימדיקע וועלט
די קינדערישע, די געזאַנגיקע,
ס'וויקלט זיך אַ פינצטערניש אַ שלאַנגיקע,
מיט פאַרגיין בלוטיקן אַלע אַלע שויבן"

ער זעט דעם באַשעפער אין צער:

„גאָט איז טרויעריק מהר"ל,
די פאַרגולדעטע שטראָף איז שוין מער נישט זיינע"

ער זינגט:

„אויסגעשטערנט וועט אייביק זיין אונדזער ליכטיקער הימל
מיט קרוינען פון טויט".

די „געדענקליד־ער", געשריבן אין די יאָרן 1938 — 1943, זענען אָנגע־זאַפּט מיט צוויי גרונטשטימונגען: יאוש אין דער וועלט פון חזירישן דייטש און פון דער שלאַבריקער דעמאָקראַטיע מיט די קאַלטע סימפּאַטיע־קאָמפּרעסן און פון אַ ספּאַזמאַטיש־פאַרשטיקטן טרויער אין אַנבליק פון די מאַפּעס מיט בית־עלמינס, דער טויט פון אַ גאַנץ פאָלק, מיליאָנען מאָל גע'כיפּלט אין גע־מיט פון פּנים פאָעט.

די „געדענקלידער" זענען אַ ווירדיקער זעץ מיט דער טיר אין דער עשיו'דיקער, רשעות'דיקער וועלט. גלאַטשטיין זעט אונדזער איצטיקן חורבן, — נישט ווי אַן אָפּגעזונדערטע גרויל־דערשיינונג, נאָר ווי אַ המשך פון דורות'־דיקן בלוטיקער־קריג צווישן קין און הבל.

די לידער זענען אַ שפּוך־המתך־אויסגעשריי פון אַן אָנגעהעריקן צו דעם פאָלק פון קול, אַנטקעגן די בערישע לאַפּעס — די היסטאָרישע ידי־עשיו.

ס'שלאָגט פון די וויי־פילע שורות אַן אומדערשיטערלעכער גלויבן, אַז ס'וועט אַמאָל פאַרמעכטשלעכט ווערן דער טרויעריקער וואַלד.

דער דיכטער זעט שוין דעם אומווירדיקן סוף פון די דייטשע באַרבאַרן; ער זעט:

„די נאַכט בליצט מיט די ליכטיקע ביקסן,
באַמבעס פּלאַנצן געוויקסן און רואינען".

ער ווענדט זיך צו דעם אייביקן עמלק:

„קענסט אנטבלויזן דעם געווירשנטן שימל און דיינע ביינער
...קענסט אויסכאַרכלען ביז צום פּלאַצן
דיין געפּייניגערטן רום פון א צעדולטער וואַלהאַלאַ
...איידער דו ווערסט פאַרמשפּט צו פוילן
און אין אייביקן היסטאָרישן כף הקלע...

די צווייטע גרונט־שטימונג — פייערלעכע הזכרת נשמות. גלאַטשטיין, דער האַפּיגירסטער פון אונדזערע דיכטער, באַווייזט זיין גרויסע דיכטערישע קראַפט און אייגנאַרט, דורך בלייבן פריש־פלייצנדיק אין דעם קינות־טאָן, וווּ ס'דראָט אַזוי שטאַרק אריינצופאַלן אין דעם סטאַנדאַרט, און אין דעם שאַבלאָן.

ער גיט א זאָג:

„פאַרצייכן — נישט זיי זענען געשטאָרבן פאַר אונדז,
נאָר פאַרמשפּט זענען מיר צו לעבן פאַר זיי" —

האָבן מיר א וואונדערלעכע פאַרהערלעכונג פון אונדזערע קדושים, א פאַרהערלעכונג, וואָס קומט מיט די אורשפּרינגלעכע גלאַטשטייניש מיטלען. דאָס בוך „געדענקלידער", לאָזט איבער א גוואַלדיקע פּיעטעט און זעלישע רע־גונג — א סימן פון דער גוואַלדיקער דיכטערישער שפּאַנונג און מייסטערישער אויסדרוקס־קראַפט פונעם שאַפער, וואָס זעט:

„אויסגעשטערנט וועט אייביק זיין אונדזער ליכטיקער הימל
מיט קרוינען פון טויט".

* * *

דאָס בוך־לידער „שטראַלנדיקע יידן" איז דערשינען אין יאָר 1946, ווען די מאַסשטאַבן און פּרטים פון אונדזער פאָלקס־בראָך זענען געוואָרן קלאָר אין זייער גאַנצער אומהיימלעכקייט.

דאָס בוך, וואָס איז איינגעהילט אין קנוילנדיקע „רויך"־וואָלקנס, פאַר־הייליקט די געשטאַלטן פון אונדזערע מאַרטירער, וועמען דער מקונן קלאָגט אויס א טראַגישן הימן:

„שיר — א געזאַנג וועל איך זינגען
צו די באָרוועסע, וואָגלערישע טריט און דער כנסת־ישראל,
צו איר סימבאָלישע, שיר־השירים׳דיקער ברוסט"

דאָס אריינפיר־ליד איז א הימן, וווּ ס'קומען צום אויסדרוק די שפּראַך־עשירות און עקספּרעסיע מייסטערשאַפט פון אַלטן — און דער געהויבענער, טראַגישער און רין־עלעגישער פּאַטאָס פון נייעם גלאַטשטיין. אין יעדער שורה — א וועלט מיט אויסדרוקן, פון מוזיק און קאָנדענסירטן בילד:

„צו די וואָגלערישע טריט פון דער כנסת־ישראל".

אָדער אזא עכט גלאַטשטייניש שורה:

„צו אירע סימבאָלישע שיר־השירים׳דיקע ברוסט".

באַלד גייט אָבער דער טאָן פון ליד איבער — אין שטילן טיף־פּאַטעטישן טרויער, צו שטורעם־צעווייניטן, שאַרפן שפּאָט און נאָכקלינגעניש:

„קלויסטער־גלאָקן קלינגען
ליב־באָם, ליב־גלין־גלאָן.
רויב־דם, גלויב־פּאָרדאָם א. א. וו."

דאָן דאָס רירנדיק־עלעגישע:

„צו מיין געשאָכטענער טויב, צו דער כנסת־ישראל,
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען".

גלאַטשטיין הילט איין אין פּייערדיקן אָרעאָל די שיינע, שטאָלצע, שטראַלנדיקע יידן:

„מיר האָבן געזען זייערע טויטע קעפּ
און געשטאָרבן מיט זייער טויט אין אונדזערע אויגן,
מיר האָבן געזען זייער בלוט
און מיר זענען צופרידן,
מיר זענען שיינע, שטאָלצע,
שטראַלנדיקע יידן".

און דעם פּרעכטיקן ליד געפינט אַן אויסדרוק נישט בלויז דעם דיכטערס דראַנג צו גלאָריפיקאַציע, עם באַקומען אַ קינסטלערישן תיקון די אומפאַרגעסלעכע זיגער פון אונדזער גרעסטער מאָראַלישער פעסטונג: וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

פיל מיט טיפן צער, וואָס קומט פון אַ גלאַטשטייניש „יוסף רעת" — אין דאָס ליד „פּסוקים":

„אויב ס׳האָט נישט קיין האַפט
אונדזער אויסגעמאָלטער לאַנדשאַפט
פון גוט און פון שלעכט.
אַן מצוות פאַר עבירות
איז שיינקייט בלויז פאַר בהמה׳שע מעלה־גירה׳ס".

דער עסטעט יעקב גלאַטשטיין זעט ווי די גריכישע בלום פון סתם שיינקייט, וואָס ס׳האָט זי אַזוי שיין באַרלייקנט יהודה הלוי, איז פאַראַשט צוזאַמען מיט די, וואָס „האָבן נישט דערלעבט צו זיין געשטאָרבן".

אין די „נאַכט־לידער" דערציילט דער דיכטער:

„ס׳שטרעקן זיך צו מיר מיליאָנען הענט:
זיי אונדז אַ לעבעדיקער מאָנומענט
פון אומגליק".

דער טויט, דער מיליאָנען־טויט פון די קדושים, איז אַ נאָענטער איינ־

גייער ביי גלאטשטיינען, וואס לעבט זיך מיט אים איין, לעבט אים דורך און מאכט אים פאר אונדז לעבעדיק, דער דיכטער ווערט א טויט = מיליאנער.

אין דעם בוך, ווי אין די „געדענק = לידער”, געפינען זיך אייניקע דיכטערישע אנאכראניזמען — פרעכטיקע, געניאל = קונדסישע שפילערייען, וואס אנטהאלטן, נישט נאר א זעלטענעם פארבן = שפיל, נאר אויך אן עכט אריגינעלע אויפנעמבארקייט, געגעבן מיט א פענאמענאלער אויסדריקלעכקייט.

אינגאנצן מיט זיינע פאעטישע כלי = זין: האר = שפאלטנדיקער שארפזין, אריגינעלע פאראדישע וויזיע, וואס דערהייבט צו א דיכטערישער הויך גאר פראזאאישע זאכן — כ'וואלט געזאגט: דער קלאסישער גלאטשטיין טויכט אויף פאר אונדז פון „ווייַן פון לידער = ביכער, וואס כ'האב געזופט מיט יארן צוריק”.

אויף דער קאנווע פון דעם גרויען ארום שפאצירט דער דיכטער אין סאמעטענע הויזן, און באשטראלט אלץ מיט אן אולטרא = פיאלעטער שיין פון אייביקער ווייזהייט:

„.....נאכטיק טענה'ט דער שמעטניק מיט הארצרייסנדיקע געדוכן,
די באבע פארראשטשינעט א טרויעריקן ראזשינקע = קוכן
פארוואלקנטע ווייזהייט נעמט זיך שיילן און אנטבלויזן,
דער דיכטער שפאצירט אין סאמעטענע הויזן”.

איך וואג צו באהויפטן, אז אין דער שורה „נאכטיק טענה'ט...” — איז דא מער קינסטלערישע דערגרייכונגען, ווי אין גאנצע בענדער פון אונדזערע דיכטער. דער חריף = עסטעט אין סאמעטענע הויזן, באווייזט דיכטערישע אלכעמיע, שאפנדיק א גאלד = שורה פון א... שמעטניק:

„די גרויזאמע געבורטן זענען אלע אבארטן
ס'גאנצע קוכלע לעבן איז א שפיל אין קארטן,
ס'זיינען געווינסן און פארלוסטן שאלאמזויזן,
דער דיכטער שפאנט אין סאמעטענע הויזן”.

„...ס'וואקסן געגראמטע פאלמעס ארום זיין רייכן מויער.
דער פאעט זייפט זיך איין די מאהרע מיט א זעלבסט=
צופרידענעם טרויער.
ס'קומען קרומע קריטיקער צו אים גוט = שבת ביטן און גלעטן
זיינע וויל געכאוועטע וואלגאריטעטן.
זיינע קי זענען ייִדישע,
זיינע הענער זענען מעבר די סדרה”.

אין יעדער פון די שורות איז דא א ים שייַנקייט, בליציקער עספרי און מייסטערישע עקספרעסיע. דער גייסטרייכער פאעט דערהייבט דעם גראטעסק און שארזש צו הויכע מדריגות פון קונסט.

די און ענלעכע פערזן, וואס זענען כאראקטעריסטיש פאר גלאטשטיין — דעם צעשפילט = קאפריזנעם עקספארטירער פון פאעזיע = פולע און

קאליררייבע ווערטער = באלאגען זענען אבער זעלטענע אין דעם לידער = בוך, ווו ס'איז ממש — ווימש = רויך:

,,ס'איז וווּנדערלעך צו זיין א גאנצן מעת = לעת
צווישן מיליאנען מתים,
א האלב = לעבעדיקער מת.
דאס האלבע לעבן אין מיר איז טויט,
לעבעדיק אין מיר איז דער האלבער טויט".

דעם דיכטערס איובדיק = צעווייטיקט געמיט איז א טרויער = פליין, ווו ס'ציען אומאויפהערלעך לוויות:

,,זייער גאנצער טויט מוז אויסגעלעבט ווערן,
דער צעשאסענער, צעבראָכענער, פארפייניקטער טויט,
דער אייגנסטער, בארעכטיקטער סוף כל אדם,
וואס ס'האבן אים מבזה געווען די חיות,
מוז איינגאנצן אויסגעלעבט ווערן
דורך לוויות, לוויות, לוויות".

,,שטראלנדיקע יידן", איז אן אייגנארטיק ווערק, עס אטעמט מיט ער= לעבן, מיענטשלעך = דיכטערישן וווּנדיקן וויי פון א יתום נאך א געקוילעט פאלק.

דער פיינער, גייסטרייכער דיכטער האט אנגעטאן זיין פאעטישן זיידן= מאנטל אויף דער רעכטער זייט.

דאס שארפזיניק גראטעסקע, און פאראדישע איז סובלימירט און טראנספארמירט אין דער געוואלטיקער, גייסטיקער הויך = שפאנונג, וואס ס'האט אנטוויקלט דער שטורמישער בלוט = פאל.

צוזאמען מיט די ,,געדענק = לידער" זענען ,,די שטראלנדיקע יידן" א וווּנדערלעך צניעותדיקער און פיעטעט = פולער קדיש אויף אונדזערע פאר= שניטענע ערה'ס.

די גראנדיעזקייט פון דעם מיליאן = פאכן אומגליק ווערט נישט נאר נישט פארשוועכט דורך א גרילצנדיקן געשריי, — עס ווערט נאך געהייליקט מיט א מעכטן קול דממה דקה, וואס קומט פון די גלאטשטיינישע געמיט טיפן. זיין פינקלענדיקע לירישע טרער וועט צוזאמען מיט אנדערע אויסדערוויילטע, גע= ציילטע, פארבלייבן אין דער שטראלנדיקער גלאריע פון דעם פאלקס = אוצר.

* * *

ווי געזאגט איז דאס ווייט נישט קיין אויסשעפנדיקער סילועט פון דער גלאטשטיין = פיגור.

גלאטשטיין געהערט אויך צו אונדזערע געציילטע, פיינע פראזאאיקער,

וואס ער האט באוויזן מיט זיינע „יאש״ ־ ביכער, גלאטשטיין איז אויך איינער פון אונדזערע גייסטרייכסטע און אריגינעלסטע עסייאיסטן.

ארויסגייענדיק פון דעם כלל, אז דא, איז צוליב פארמעלע טעמים, נישט אנגעווענדט דער תפסתה מרובה, האבן מיר זיך באמיט דעם „מועט״ צו באַ־לייכטן, און דער מועט פון אזא רייכער שרייבער ־ געשטאלט — איז שוין א ווערטפולער „מרובה״.

א. לעיעלעס

ווער עס בוקט זיך צו דעם שטאמלערס שטאמל
צו דעם חן-גריבל פון נארעלע, צי תמ״ל —
מיך האט עס געצויגן צו דער נייער וואגעניש,
אומגעדולדיק צו דעם וואָרט — א שטומע „ליאליע״,
ליב איך ס׳וואָרט—אן אויסדרוקספולע, שטייפע כוואליע
ס׳איז מיין ליד געקומען — ניט קיין מילדער לאם
אויף די לאנקעס גרינע פון די ווידישע ווערטער,
ס׳איז געקומען זוכן, בויען נייע ערטער.

א. לעיעלעס

א. לעיעלעס, היינט-צו-טאג איינער פון די באדייטנדיקסטע יידישע דיכטער, געהערט נישט צו די שרייבער, וואס זענען „קונה זייער וועלט אין איין שעה״ זיין ערשטע לידער-זאמלונג — דערשינען אין יאר 1918 א. נ. „לאבירינט״ — איז אויפגענומען געווארן דורך דעם רוב קריטיקער גאָר קאלט.

זייט דאן האט לעיעלעס, אין זיין גאנג בארג-ארויף, געהאט צו קעמפן פאר יעדן טריט אויף דעם שמאלן און זיג-זאגיש-געדרייטן וועג, צווישן די תהומות פון פארנייונג און איגנאָראנץ.

איצט, נאך א דרייסיק-יעריקער ליטעראַרישער טעטיקייט, קען דער זוכער פון „לאבירינט״ צוריקבליקן אויף זיינע עטאפן און דערגרייכונגען. באַ-דייטנדיק פאר דעם אנטוויקלונגס-וועג פון דער מאָדערנער יידישער ליריק, זענען — סיי די ליטעראַרישע דערגרייכונגען לעיעלעס, סיי זיין אלגעמיין-קינסטלערישער קאמף, וואס איז פארבונדן מיט דער גרופע און צייטשריפט „אינזיך״.

די אינדיווידועל-ליטעראַרישע דערגרייכונגען לעיעלעס, באשטייען פון א ריי באדייטנדיקע פאָעטישע און דראמאטישע ווערק, ווי: „לאבירינט״, „יונגהארבסט״, „ראנדאס״ , „שלמה מולכו״, „אשר לעמלען״, „פאביום לינד״, „א ייד אויפן ים״ א. א. זיין ליטעראַריש-באַוואוסטאָרישע טעטיקייט

האט זיך אויך אויסגעדריקט — אויסער אין זיין נייעם ליד — אין מיטווירקן צו דער אנטשטייאונג פון דער גרופע „אינזיכיסטן". אחוץ דעם קליינמשיקן אין כמות זשורנאל „אין־זיך", האבן זיך געזאמלט אויך אנדערע טיף־גורטעווענדיקע ייִדישע דיכטער, וואס האבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם אינטראספעקציון, פארטיפן און געלייטערטן. די טאלאנטירטע און וואָגיקע פארשטייער פון אָט דער גרופע האבן, פריער אדער שפעטער, געצויגן אויף זיך אויפמערקזאמקייט מיט דער באזונדער־פארטיפטער אינהאלטלעכקייט און גלענצנדיקער פאָרם־רייכקייט. דאס לעצטע קען קלינגען אביסל פאראדאָקסאל, ווען מען דערמאנט זיך, אז די אינזיכיסטן זענען געווען די אמתע פורצי־גדר פון דעם קלאסישן, טראדיציאנעלן „משקל", גראם און ריטעם. די ליטעראַרישע בונטארן האבן בריט צעעפנט די שליוזן פון פערז, און געלאזן פליצן דאס קינסטלערישע ליד אין זיין פרייען, ברייטן און שטראָמיקן גאנג פון אינערלעכן ריטעם.

דער אויפטו פון די נאָוואטאָרן „אינזיכיסטן" איז באשטאנען אין פארשידנארטיקע פּאָעטיש־וויסנשאפטלעכע עקספערימענטן פון ווארט און זיינע ניואנסן, וויבראציעס און אסאציאציעס. זיי האבן פרוכטבאר געמאכט זאמדיקע פליינען — אלערליי אויסדרוקן, טעמעס, וואס זענען ביז אהער געווען נישט עקספּלואַטירטע געביטן. זיי האבן דורכגעפירט א ליטעראַרישן דרענאַזש, רייניקנדיק דאס קינסטלערישע ליד פון שטייענדיקן, טיכלען וואסער, פון פארשימלטע גארנישט־זאגנדיקע ארכאישע באנאליטעטן.

פון דעם ארעמען ייִדישן הארציק־שמארציקן, איינטאניקן פידעלע, איז געווארן א קלאנגען־רייכער און פיל־טענערדיקער קלאוויר. זיכער זענען אויך געווען קעגנזייטיקע השפעות צווישן א טייל וואָגיקע רעפּרעזענטאנטן פון דער עלטער און יונגער דיכטונג — יהואש, האלפערן א אנדר. — אין דער „אינזיך"־גרופע, וואס איז א ווייטערדיקע עוואָלוציע פון די „יונגע".

אין דער הקדמה צו „פאביום לינד" — טיילווייז א קינסטלערישער קרעדא און אויפקלערונג פון די „אינזיך"־בליקן בנוגע פארשידענע ליטעראַרישע פראבלעמען — ברענגט לעיעלעס אייניקע כאראקטעריסטישע אויסצוגן פון אנשויאונגען אויף פּאָעטיק, פארעפנטלעכטע אין פארשידענע העפטן „אינזיך":

„...פאר די לעצטע צוואנציק יאר איז אין אמעריקע אויפגעקומען א נייער טיפּ ייִדישע פּאָעזיע. דאס ייִדישע דיכטערישע וואָרט און דער ייִדישער קלאנג האבן זיך א ריס געטאָן ארויף צו אלע הייכן פון דער מאָדערנער וועלט־פּאָעזיע. עס האבן זיך איינגעבירגערט אומגעוויינלעכע און שווערע פאָרמען"...

„...וואס איז מאדערניזם? דער אויסקוק, וואס נעמט אריין — יעדנפאלס זוכט אריינצונעמען — די גאנצע דערגרייכטע דערפארונג פון דער

מענטשהייט, דאָס געענדערטע בילד פון דער וועלט, די דערגרייכונג פון דער וויסנשאַפט — פון דער אַסטראָ-פיזיק ביז, לאָמיר זאָגן, פּסיכאָאַנאַליז — דאָס איז מאָדערניזם. אַ שרייבער מוז זיך באַרויבן מיט אָט דער דערפאַרונג, אַנדערש איז ער פּראָווינציאַנעל, מעג ער וווינען אין פּאַריז אָדער ניו-יאָרק. זיינע ווערק פאַלש, אָומווירקטיק און אומאינטערעסאַנט, מעגן זיי קאַנדידירן פאַרן נאָבעל-פּרייז. דער מאָדערניזם פאַרניינט דעם עמאָציאָנאַליזם, וואָס, קאָנסעקווענט דורכגעפירט ברענגט ער צו מיסטיפיקאַציע און צו פּאָליטישער רעאַקציע...

„...ער, (דער מאָדערניזם), איז אין דער ערשטער ריי אַן אינטעלעקטועלע שיטה, וואָס וויל פילן, אָבער נישט ווייניקער — וויסן... איז באַוווסטזיניקייט און קולטור.

„אין דער יידישער ספערע איז מאָדערניזם אַ רים מיט ישיבה-בחורישער ראָמאַנטיק, מיט רוח-הקודש'דיקער בטלנות...

„...איר (ווענדונג צו די אייגענע לידער — י. ג.) העלפט באַרייכערן די מאָנאָטאָנע, נאָך אַלץ קליינשטעטלדיקע יידישע פּאָעזיע"... (הקדמה צו „פאַביום לינד").

ווי אייגער פון די הויפּט-פּעכטער פון דעם יידישן מאָדערניזם, האָט דער מחבר פון „פאַביום לינד" אָן שום ספק רעכט מיט דער א. ד. ווענדונג צו זיינע לידער. לעיעלעס האָט ווי אַ דערפינדערישער בעמיקער געלאָזן אויפלייזן דאָס וואָרט אין אַלע זיינע באַשטאַנד-טיילן, ניואַנסן, אַנטפלעקנדיק, גלייכצייטיק, די גוואַלדיקע דינאַמיק, וואָס דרעמלט אַ נאָך נישט עקספּלואַטירטע אין דער מענטשלעכער שפּראַך. שפּראַך, ווערט ביי אים שפּרוך. ווען ער וויל שילדערן עפּעס אַ מין אויסטערליש-שווערע שטימונג, וואָס ברענגט אַריין דעם הויך פון פינצטערניש און נישט-זיין, געלינגט אים דאָס מיט דער הילף פון עטלעכע אויסדרוקפולע ווערטער, באַגריפן אין זייער ריטמישער עקספּרעסיע:

„...פון די טיפגרונטעדיגישן
אגענדן,
כוואַליעט, איגדעט אויף מיר
גרוי, בלייערן,
גליטשיק, לאַבערדיק, לאַבנדיק"...

דאָס איינפאַכע יידיש-לשון אין די ידי-היוצר, באַווייזט אַרויסצורופן אין אונדז קלאַנגלעכע און אָפּטישע אַסאָציאַציעס און אַנונגען — ווי דאָס מעטאַלענע פּראָנצויזיש אין ליד „אַצעאַנאַ נאָקס" פון וויקטאָר הוגאָ.

ס'איז קלאָר, אַז דער פרייער פערז, אַנגעווענדעט דורך לעיעלעסן און זיינע תּלמידים, איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פון „מאַכן פון דער נויט אַ מוגנט", ווי ס'קען פּאַסירן אין אַזעלכע פאַלן.

,,...עס זענען אויפגעקומען יידישע סאנעטן, ראנדאס, טריאלעטן, ווי־לאנעלן"...

און נישט בלויז די ליד־פארמען. אין זיין בייעסטן לידער־בוך ,,א ייד אויפן ים", ווייזט לעיעלעס זיין ממש מייסטערהאפטע ווירטואזיטעט אין די גע־האמערטע פארמען פון אקטאוון. יעדער פערז און די אכט־שורה'דיקע סטראפן, שימערט, גלימערט און איז צונויפגעגאסן מיטן צווייטן ווי א פיל־קאנ־טורנדיקע קריסטאלן געשיר.

דער ,,ווייסער" רעוואלוציאנער פון פערז ווייזט דא וואנדער און דער קלאסישער פארם פון פאעטיק. מיר ווערן פארבליפט פון אזא עשירות פון ווערטער־אוצר. עס ווייעט מיט פרישקייט און נייקייט פון די ווערטער־בנינים, אויפגעבויטע, נישט מיט ליימיק־קרוכלע סטאנדארטן־ציגל, נאר מיט געשליפענעם מארמאר, פאסאדנארטיק פון יעדער זייט.

ס'וואלט אבער, פארשטייט זיך, געווען פאלש אייננצוזען לעיעלעס כוח בלויז ווי א ווירטואזן וואורט־מייסטער.

אייגנארטיקע טאלאנטן ווערן נישט געבוירן דורך שולן און קונסט־קאנצעפציעס, נאר שולן, קונסט־קאנצעפציעס ווערן געשאפן פון אייגנארטיקע גאוואטארישע טאלאנטן. די מאדערניסטיש־אימפרעסיאניסטישע שול איז נישט קיין סיבה, נאר א רעזולטאט פון א לעיעלעס אדער א גלאטשטיין.

די אלע שטריכן, וואס דער דיכטער שרייבט צו דער איינזיך־קאנ־צעפציע — זענען דא אין זייבע אייגענע ווערק. וויבראציעס, צאפלען פון א פיין־דיכטעריש געמיט קומען צום אויסדרוק אין דיסטילירט־קלינגענדער פארם אין דער פארשידנארטיקער מאזאיק פון לידער — מלא וגדוש מיט קלאנג, פארב און אראמאט.

אוניווערסאל, אומבאגרענעצט זענען פאר לעיעלעסן די טעמעס, גע־ביטן, וואס ער ברענגט אריין אין דיכטערישן היכל: ס'עקזיסטירן נישט פאר אים קיין טריוויאלע, דיכטעריש פסולע ווערטער און באגריפן. אן אומ־ענדלעכע סקאלע און גאמע: נאטור, עראטיק, יחיד־כלל־שיכותן, פאלקס־ווי און פאלקס־ווייע, אינטעלעקטועלער, עמאציאנעלער ווירבל פון התרוממותן, גייסטיקע זיגזאגן פון א טיף־פילנדיקן מאדערנעם מענטשן, דיכ־טער און ייד — זענען דא פאראן.

לעיעלעס געפינט אפט דעם פאסיקן קינסטלערישן לבוש פאר זיין אנדערשדיקן, שפיזלדיקן עמפינדן, וואס איז געלייגנערט מיט א סערום פון ווייזהייט:

,,...ווען פאביום ליגט טוט זיך אויס פון די געריווישן
בלייבן ברעקלעך פארב, פלועקלעך קלאנג,
א צוזאמענגעשמעלטע מאסקע פון אומרו און צעטומלעניש"...

אדער א באגרינדונג פון דער באגרענעצטקייט פון דעם ראציאנעלן, ,,לאגיש = קלארן״:

....,,כ׳בין מיד פון ווערטער, וואס מער קלאָר איז אלץ מער דול,
איך בין מיט דולקייט ביז דער קלאָרסטער קלאָרקייט פול״...

כאראקטעריסטיש פאר א דיכטער פון דעם גראד און ערד ווי לעיעלעס, זענען זיינע לידער אויף נאטור = טעמעס. נאטור = פאָעזיע איז א געביט, וווּ מיטלמעסיקע דיכטער זענען שטארק קאנווענציאנעל, אנווענדנדיק א סטאנדאַרט = נע לירישע נאָמע פון פיעטעט און אידעאליזירונג. אנדערע זענען, ביי זייער גאנצער אויפריכטיקייט און עכטקייט, געניינט צו א ליריש = באזינגנדיקע, אָדער עפּיש = שילדערנדיקע מאָלערישקייט פון רעפלעקטירווער ארט. ביי אונדזער דיכ = טער, ווי ביי יהואש, באוועגט יעדע מינדסטע פלאנץ א ים מיט כוואליעס׳ = ארטיקע שטימונגען, ברויזנדיקע איבערלעבונגען און דערקענטעניש:

....,,א בוים,
וואס שטייט זיכער אויף דער האנט פון ברייטן, גאלדענעם גבור זומער
און אָטעמט רו, גרינע רחבות, קלוג = שמייכלענדיקן בטחון
אויף מיין צעקראָכן שווייסיק טומלעניש״...

(,,מיינע לידער״).

....,,דער פארק שטארבט אָפּ,
גיט מיר פון אייער רו,
א צווייגנדיקע ברידער
גיט מיר פון אייער חכמה,
איר שטייגנדיקע געדולדיקע שווייגער״...

(אויבן).

....,,שיין זענען צווייגן מיט בלעטער,
ווען אין א דורכזיכטיקן וועטער
הענגען זיי גרין און בארוט.
אלץ, וואס די ערד האט אין קלוגשאַפט
אל איר באקלערטער נעגנשאפט
איז אין דעם בלעטערדיקן בלוט״...

(,,צו מיר — צו דיר״).

מיר האבן נישט דא קיין רעפלעקס אדער בילדעלע, נאר א קינסטלע = ריש = באוווּסטזיניקע קיים פון אסאָציאציעס און פיינעם, דערקענטעניש = גע = מילדערטן פּאַטאָס.

ביז גאר אינטערעסאנט איז לעיעלעס מאלנדיק עראַסן. ס׳גייט דא נישט וועגן אזעלכע רעטארישע גאלאנטערייען, ווי:

....,,איבער אלץ די אייגן, פולע מיט פארטרויען,
וואס אזוינס פארמאגן נאר פרויען״...

זיין דיכטערישער בליק זעט:

„...אונטער דיין בלוזקע פון טריקא, טראגט א געשפאן ווייסע טויבן
די בשורה פון ווייסע עקסטאזן"...

(„מיידעלעך מיט צלמים").

ווי הימל־ווייט פון די נאַיוו־קינדישע, קאנדליצוקערנדיקע
ברוסט־לוסט גרילצן,

אדער א מין מוח־רענטגען פון סעקסועלע עקסטאזן און דעפרעסיעס:

„פינצטערניש
געדיכטע, קנוילקע,
אוראלטע, גרוילקע, אומהיימלעכע, מוילקע.
און פלוצלונג — פונקען ווייסע, גאנצע פאסן.
מאגניום־גלי — ווייס, ווייס.
א קני — ווארעם, ווייך און שטייף.
א רייף ארום מיר, ווי דער רינג ארום סאטורן.
שטייף, ארום מיר, ווייס. מוטערלעכער נאקטורן.
סומנע רייצעניש.
מארך־פארפלייצעניש. פאל־פלי. פאל —
קני. מאגניום־גלי און ווידער — פלי.
קנוילקע, קוילקע פינצטערניש.
פארפאלעניש"...

דאס ליד איז איינס פון די אייגנארטיקסטע קינסטלערישע „מאגניום־אויפנאמעס" פון די מענטשלעכע, עראטישע טריבן. עס גיט אין א קורצער און סימבאלישער פארצייכענונג מער וועזנטלעכעס, טרעפלעכעס פון דעם מין איבערלעבונגען, ווי גאנצע עמודים מיט פאטאגראפיש־רעטאליסטישער, נישט־וועזנטלעכער באשרייבונג.

לעיעלעס, ווי „א מאדערניסט, וואס קען נישט פייפן אויף רעוואלוציע", גייט אין דער זעלבער צייט ארויס פון דער חנחה, אז פרייהייט, מאראל עטיק — זיינען נישט ווייניקער וויכטיקער, ווי טעכנאלאגיע און פראדוקציע־פעאי־קייט. מיט איין ווארט: ער אקצעפטירט דעם רעוואלוציאנערן סאציאליזם — מיט תנאים.

די „תנאים", וואס לעיעלעס שרייבט מיט דער סאציאלער רעוואלוציע און וואס ווערן, כנהוג, נישט דערפילט, זיינען גורם, אז ער בלייבט אין א האלב־רעזערווירטער, האלב־גינסטיקער שטעלונג צו דער „דאמע פון זיין הארץ" — לויט דער אדער יענער דאמינירנדיקער שטימונג. די איינשטעלונג באווירקט אים, אזוי־צוזאגן, צו אנערקענען די „מארגן־וועלט", „די־פאקטא", אבער נישט — דע יורע — און ווען ער אנערקענט זי שוין פון ביידע שטאנדפונקטן, איז עס אין הסכם מיטן „פרינציפ פון קלענערן בייז"

* * *

ווען מען בלעטערט די צוויי לעצטע, שטאַרקע פּאָעטישע ווערק לעייעלעס: „פּאָביום לינד" און „אַ ייִד אויפן ים" — ווערט מען איבערראַשט פון דער אַלזייטיקייט, פיל־פאַרביקייט פון דעם מחבּרס דיכטערישן אינטערעסן־קרייז. לעייעלעס האָט בפירוש דערוויזן, צוגלייך מיט זיינע טאַלאַנטירטע מיטקעמפער, אַז ס'זיינען נישט פאַראַן קיין „אומפּאָעטישע טעמעס", אַז ס'דעצידירט דאָ בלויז איינס: צי די טעמע קומט אַריין צו אַ באַוווסטזיניקן און חידושים־פולן פּאָעט. עס פרעגט זיך נאָר — וואָס פריער צו לויבן:

די רייכקייט פון פּאָעטישן איבערלעבן, די רייפקייט און דערהויבנקייט פון געדאַנק—צו די מייסטערישע טעכניק, וואָס ציזעלירט אויס קליינע מייסטער־ווערק פון פּאָעטיק.

נאָך „פּאָביום לינד" —איינס פון די אינטערעסאַנטסטע יידיש־שאַפונגען אין פרייען פערז, איז „אַ ייִד אויפן ים" מיט זיין שטרענג־קלאַסישער געהאַמערטער און געקייטלטער פאָרם — אַ מעכטיקער מאָנומענט פון די יידיש־דערגרייכונגען אין געביט פון פערזן־קונסט. ביידע ווערק זיינען אַ ווערטפולער, גלענצנדיקער צושטייער צום יידישן ליד.

אַ. לעייעלעס, וואָס האָט הינטער זיך דרייסיק יאָר שעפערישע אַרבעט און קאַמף, (אין יאָר 1918 איז דערשינען זיין ערשטלינג־בוך „לאַבירינט") קען מיט רעכט זאָגן וועגן זיך:

„מען וועט געדענקען, אַז אין לשון פון דער געטאָ
האָב איך צערוקט די ווענט פון געסל און פון שטעטל"...

איציק מאנגער
חיים גראדע

א. מאנגער

די לידער פון איציק מאנגער, וואס האבן זיך באוויזן אין דער יידישער פרעסע אין פוילן אין אנהויב פון די דרייסיקער יארן,* האבן באלד צוגעצויגן די איפמערקזאמקייט פון דעם לייענער. זיין אייגנארטיקער פאעטישער נוסח האט אין דער יידישער ליריק אריינגעבראכט א נייעם פייערלעכן טאן, מעלאדישקייט און בליציקע וויזיאנערישקייט.

א קינד פון דעם לאנד פון ווין און געוויין — רומעניע — האט דער דיכטער מיטגעבראכט, מיט זיין ליד און געשטאלט, די צעזונגענע, בגילופנדיקע יום-טובדיקייט פון איין זייט און דאס שארף-אומעטיקע, אפילו טראגיש-עלעגישע און מעלאדישע פון די „ראינעס" — די רומענישע פאלקס- און פויערים-געזאנגען — פון דער צווייטער זייט.

אינגיכן האט דער יידישער פאעזיע-ליבהאבער געהאט די מעגלעכקייט זיך צו אנטציקן מיט דער שיינקייט פון זיינע צוויי פרעכטיקע לידער-ביכער: „שטערן אויפן דאך" און „לאמטערן אויפן ווינט". און ס'איז געווען מיט וואס צו אנטציקן זיך פאר לידער-דורשטיקע לייענער. פארן אויער פון ראפינירטן יידישן לייענער האט א פלייץ געטאן א ביז דאן נאך נישט געהערטע — אין דער יידישער ליריק — סקאלע פון נאקטורניש-סודותדיקער מוזיק; ס'האט א שימער-געטאן פון די ביכער מאנגערס ברענענדיק-רויטע פארבן פון עמא-ציע-שקיעות און ס'האט פארשכורט דער אראמאט, פון אלטן, געצערטן ווין, וואס גיסט אן די חושים מיט יונגקייט און זון.

מאניש האט געווירקט די סוגעסטיווע פאעטישע קראפט אין דעם געמייסטערטן, מעלאדיש רייכן ליד; ווי קיינער ביז אים, איז מאנגער דערשינען אין דער יידישער פאעזיע, ווי דער קינסטלער פון דער באלאדע — דעם גייםטערהאפטן, פאנטאסטישן און טרוים-ארטיקן — ווי דער יידיש-רומענישער טרובאדור איז געווען „ביי זיך און דער היים". אין די לידער און באלאדעס איז א חוץ דער רייכער מעלאדיק, פרישקייט פון אויסדרוק און שארפקייט פון פאעטישער ראיה, אויך געווען א סך טיפקייט פון איבערלעבונג און אוממיטלבאר-

קייט פון עמאציע. זיין ליד און באלאדע זיינען געווארן קוואלן פון פילזייטיקע שעפערישע עקסטאזן: עסטעטיש = פארעמלעכע און נשמה׳דיקע. פילפארביק און פארשידנארטיק זענען געווען ביי מאנגערן — צוגליך מיט דער דיכטערישער סענסיוויטעט — אויך די פערסאנאזשן = גאלעריע, וואס האט געדינט אלס פאן און פאעטישער רעקוויזיט פאר זיינע איבערהאפטע לידער און גייסטערהאפטע באלאדעס. איר האט הארט געהאט פראגנץ פון אסיזי און זונה׳ס; בעל=שם = טובס און קרעציקע; הייליקע און לומפן; שניידערס און שרה = בת = טובימס; תאוהדיק צעברענטע מאנאכן און קדושה = דורכגעדרונגענע פראסטאקעס. מיט א געוואלטיקער דיכטערישער קראפט האט מאנגער פאעטיש מתקן געווען די נשמות פון די געזעלשאפטלעך = פארשטויסענע: דעם גנב, לומפ, זונה, בעטלער, שכור וא. וו.

מיט א גרויסן וויזיאנערישן שווונג האט דער דיכטער = זעער אויסגעזונגען זיין טיפזיניק = טראגישן דיאלאג צווישן „לייזיקן און געקרייצטן", קאנפראנטירנדיק די ליידנספולע געשטאלט פון דעם בעטלער, וואס „לייז ווי שטערן ברענען אין זיין העמד", מיט דעם פארקערפערטן ליידן = סימבאל און סימבאליש = געווארענעם ליידן = גוף פון ישו.

טיפע, רושם = איבערלאזנדיקע רעגונגען האבן אין פילבארן לייענער ארויסגערופן די לידער און באלאדעס, ווו ס׳איז ארויסגעטראטן מאנגער — דער דעמאן. דער דיכטער לאזט אויפטרעטן אויף דער נאכטישער סצענע די פארביקע געשטאלטן פון „רבין פון פאראלאי" און פון „לאבוז" — די פארקערפערונג פון צוויי לעבנס = שיטות און וועלט = בליקן. מאנגער לאזט דעם „לאבוז" — דער דעמאניש=רעוועלאציאנערישער און רעוואלטירנדיקער געשטאלט — ארויספרייסן די טויזן פון דער מיסטיפיצירטער וואר, דורכן געבן „ ארויטן פייף צו דער נאכט" און עס באווייזן זיך באלד שארן פון אומגליק און טרויער, פון „בלוט און געוויין". דער פאראלאיער צדיק בלייבט געפלעפט און באזיגט ביים אנבליק פון די פורעניותן, וואס די נאכט הילט איין אין איר שויס, און וואס „דער לאבוז" אנטדעקט.

עס איז באמת שווער צו ציטירן מאנגערס קליינע שעדעווערס, ווייל אומצייליק זיינען די פרעכטיקע פאעטישע שאפונגען, און כמעט יעדער איינער פון זיי — ליד אדער באלאדע — איז פולקאם אין פארם און אינהאלט. צי איז עס וועגן בעש"ט, וואס פעדערט זיך אין דער פרי אויף זיין פרימארגן = שפאציר און הערט דאס געוויין פון אן ארעמער באשעפעניש, און ענדיקט מיט א תפילה: „באהיט און באשיץ זיי, באשעפער דו!"; צי איז עס וועגן מאנאך, וועמענס רייד שמעקן מיט „טרויער און שוויס", צעצונדענע האלוצינאציעס און שווערבלייענעם אומעט; צי איז עס אין קליינעם לירישן ליד אדער אין דער פאלקסטימלעכער געשטאלטיקונג — אומעטום זעט זיך דאס נייע, וויברירנדיקע און

קרעפטיק סענסיטיווע, וואס דער שטארקער פאעטישער טאלאנט האט אריינגעבראכט אין דער יידישער ליטעראטור.

עס געדענקט זיך נישט, אז אין דער מאדערנער יידישער ליריק זאל געזונגען ווערן מיט אזא רייך=סימבאלישער און וויזיע=לייכטנדיקער שפראך, ווי:

„....לעגענדיע מיט בלויע צייכנס אונטער די אויגן,
פארשפרייט איבער אונדז דיינע פליגל ווי א רעגנבויגן
און הייליק מיט אלע דיינע פארבן אונדזער גויט"
(„שטערן=גלויבער").

* * *

נישט ווייניקער פון זיינע לידער און באלאדעס, האט ארויסגערופן איפזען און אנזען די געשטאלט פון מאנגערן בעצמו. א הויכער, שלאנקער מאן פון א יאר דרייסיק, מיט שווארצע טיפע און אויסדרוקספולע אויגן — באהויכטע מיט חלום=גלאנץ און ברענענדיקע מיט ביסטרען שארפזין, הומאר און קאפריזן, ס'וועט נישט זיין ווייט פון אמת צו באהויפטן, אז מאנגער — די פערזאן איז געווען א גייענדיקער פירוש אויף מאנגער=ליד, און פארקערט. ער געהערט צו די פאלן, ווען דעם דיכטערס פיזישע געשטאלט איז אין איינקלאנג מיט זיין מענטאלער אינהאלטלעכקייט און גייסטיקער שאפונג.

מאנגער מיט זיין איינדרוקספולער געשטאלט האט ווי געשוועבט איבער דער גאס. זיינע אויגן האבן געקוקט ווי אין פיבער, נישט זעענדיק דאס זעבארע און זעענדיק דאס נישט=זעבארע. א הויכער, האט נאך זיין הויכקייט פארגרעסערט די צעפלאשעטע שווארצע טשופרינע אונטער דעם שווארצן הוט, וואס איז אייביק ביי אים געווען ארונטערגערוקט טיף צום נאקן. אט אזוי, א צעפאטלטער און פייערדיקער פלעגט ער מיט א פארטפעל אין האנט אריינפאלן אין זיינע ציגיינעריש=ליטעראַרישע קאפעס און קנייפעס.

ס'איז, פארשטייט זיך, א סוד פון בראד ביז קאוונע און פון גאלאץ ביז לאנדאן, אז אונדזער גרויסער דיכטער איז געניגט צו עקסטרעוואגאנטקייט און וואגאבונדישקייט, וואס איז ביי אים אן אויסדרוק נישט נאר פון פיזישער ליידנשאפט און חושים=רויש, נאר אן אינטעלעקטועלע קאטעגאריע און אנטוויקלטער קולט; די עקסטרא וואגאנץ דריקט זיך ביי אים אויס אין פארשידענע דראמאטישע און עקסצענטרישע אימפראוויזאציעס פון פארשידענעם מין און ערד: פון בליציק=חריפותדיקע פאעטישע עקסקורסיעס אין דער מיטלאלטערלעכער דייטשישער ליטעראטור, ביז — אן אפשטויסנדיקן סקאנדאל און באקאנטן ווילדונגערישן אויפפירן זיך. מאנגערס סקאנדאלן „כטוב לבו ביין" זענען געווארן א שם דבר, ארויסרופנדיק ביי מאנכע א ווידערווילן צו אזעלכע שאקירנדיקע עקסצעסן פון א העכסט=טאלאנטירטן=גאט=

געבענטשטן יידישן פּאעט; ביי אנדערע, לרוב סנאבן און קנייפּע-קיבעצער, האט זיין עקסצענטרישע אויפפירונג גאר ארויסגערופן אינטערעס און א מין ראמאנטיש-„אבענטויערישע" נאטע, האלטנדיק פון פיליסטערישן כלל, אז א דיכטער דארף זיין „משוגע".

מיט מאנגערן האב איך זיך באקאנט דוכט זיך, אין יאר 1934. קומענדיק אויף עטלעכע טעג קיין ווארשע, האב איך, ווי דער שטייגער פון אן אנפאנגער, עולה רגל געווען צום „ליטעראַרישן טעמפּל" — דעם יוד. ליטעראטן-פאראיין אויף טלאמאצקע 13.

איך האב זיך דאן, פּראסט פּשוט, און דער טראדיציאנעלער זשעניראטקייט, פארגעשטעלט מאנגערן, אויסדריקנדיק דעם ווונטש צו לייענען עטלעכע לידער. הגם ברענגען לידער אין ווארשעווער ליטעראטן-פאראיין האט באדייט, אן ערד, דאס זעלבע, ווי ברענגען כשוף קיין מצרים, האט מאנגער דאן ארויסגעוויזן א געוויסן אינטערעס און מסכים געווען צו הערן מיינע לידער. דערביי איז אויך געזעסן דער פּאעט און ניטשע-איבערזעצער, ג. אייבעשיץ. איך האב געלייענט צוויי לידער. איינס פון די א. נ. „טעג און נעכט" האט ביי מאנגערן שטארק אויסגענומען. אנווייזנדיק אויף מיר, האט ער זיך געווענדעט צו אייבעשיצן מיט א פּיל-באדייטנדיקן און אקצענטירטן זאג: „ער זעט!" אייבעשיצן האקעגן האט דאס ליד נישט אזוי שטארק געפאלן. מאנגער האט זיך אבער געהאלטן ביי ס'זייניקע, ענטפערנדיק אייבעשיצן: — דו ווייסט דאך אים נישט פארגלייכן צו דעם דיכטער ג.!". צום סוף האט מאנגער מיך איינגעלאדן, אויף מארגן, אין זיין צימער אין עמיגראנטן-האטעל פון „האיאס", מילנע 18, ראטנדיק מיר גלייכצייטיק מיטצוברענגען אפשריפטן פון אייניקע לידער.

ווען כ'בין צומארגנס אריינגעקומען אין צימער פון מיין ליטעראַרישן פּראטעקטאר — געווען איז עס אזייגער 12 מיטאג — איז ער נאך געלעגן אין בעט. ארומקוקנדיק זיך איבערן צימערל, בין איך געקומען צום באשלוס, אז אין דער התנהגות פון א גרויסן דיכטער איז אלץ „אנדערש". און באמת: נישט נאר וואס 12 אזייגער מיטאג-צייט איז אינדערפרי, נעמט למשל אזא פּראזאישע זאך, ווי דער דיל, איז ער אויך אנדערש: א באלעזענער, געבילדעטער. דאס איז נאטירלעך געמיינט געווען אין שייכות מיט דעם, וואס דער דיל איז געווען אויסגעלייגט אין זיין גאנצער גרויס מיט אמעריקאנער יידישע צייטונגען..

צווישן די טעמעס פון אונדזער שמועס איז אויך געווען דער, דאן אקארשט אפגעהאלטענער אינטערנאציאנאלער „פּען"-קאנגרעס (מאנגער האט דאן פארעפנטלעכט א שטארק ארטיקל קעגן קאנגרעס פאר זיין פּחדנישער באציאונג לגבי די אקס-מלכות, און פאר זיין טאלערירן די פאשיסטישע פּען-באנדיטן). צום סוף האט מאנגער ביי מיר גענומען עטלעכע לידער, דערקלערנדיק, אז ער וועט זיי איבערגעבן נחמן מייזיל, דעם רעדאקטאר פון די „ליטערא-

רישע בלעטער", אז ער זאל זיי אפדרוקן (מייזל אליין האט זיך גראד אויף דער „גאלאנטעריע־בראנזשע" נישט געקענט...).

נאך עטלעכע וואכן, נישט געפינענדיק געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" מיינע לידער, האב איך זיך געחידושט: היתכן? איך האב זיך נישט געפוילט און געשיקט א קארטל מיט אן אנפראגע: אזוי און אזוי. אויף מיין בריוו האב איך באקומען פון מייזלען א קורצע, שארפע תשובה: „חשובער פריינט. איציק מאַנגער האט אונדז קיין לידער נישט געגעבן". אונטערגעשריבן: נחמן מייזל.

ס'איז איבעריק צו באטאנען, אז אזא באציאונג מצד א ממש פאַרגעטערטן פריננץ פון דער יידישער פּאָעזיע צו אן אנפאנגער האט געווירקט, אזוי צו זאגן, „דעגאטיוזירנדיק", „דעפרינציזירנדיק". „סטייטשט — האט דער אנפאנגער געטענה'ט צו זיך אליין מיט א נאַיוון פארדרוס אויף דער עוולה, וואָס מאנגער־מענטש האט געטאן אים, דעם אנפאנגער, ווי אויך זיך, מאנגערן — דעם פּאָעט!

זעלבסטפארשטענדלעך, אז מיין אכטונג און פארערונג צו מאַנגערן איז געבליבן אומדערשיטערט ביזן היינטיקן טאג.

ווי געזאגט, איז מיר שפּעטער אויסגעקומען מערערע מאל .זיך צו טרעפן מיט מאנגערן אויף פארשידענע „ביבקעס" ביי ליטעראַרישע „חסידים", ווי אויך אין די לאדזשער „ליטעראַרישע" קאַפעס: „אַסטאָריאַ" א. א. מאנכע פון די „ביבקעס" האט אויך ביגעוווינט י. מ. ווייסנבערג, וואס האט אין לאדזש געהאט א סך פארערער.

איך דערמאן זיך איצט מאנכע פארביקע סצענעס, טראגי־קאָמישע און סתם־מאָדנע עפּיזאָדן, „געננג" און „שטיק" פון וועלוול זבארשערס הויך־טאַלאנטירטן „אייניקל".

אָט טויכט אויף פאר מיר א בילד פון איינעם אזא אָוונט אין הויז פון לאדזשער ליטעראַרישן „מוקיר רבנן" שמעיה צימערמאן (אומגעקומען): ס'זענען פארזאמלט עטלעכע מגינים ליטעראטור־פריינט — ס'רוב פון די סוחרישע קרייזן. ס'איז אנוועזנד, אויסער מאנגערן, דער שטערן פון דער פוילישייידישער ליטעראטור, דער נאוועלן־מייסטער י. מ. ווייסענבערג. אין מיטן טרינקען און פארבייסן ביים געדעקטן טיש, שטייט מאנגער אויף פון פלאץ און נעמט זיך זאגן „תורה".

מיט דער צעכוואליעטער שווארצער משופּרינע און אין שווארצן קאפּעלוש, ווי דער שטייגער, פארריקט ווייט אויף דער פאטילניצע, האט מאנגער מיט די פייערדיקע אויגן און טונקעלן פנים אויסגעזען ווי א יונגער ציגיינער־„קעניג". איך דערמאן זיך נישט, וואס ער האט דאן גערעדט, אלנפאלס האט ער געצויגן א גענעטישע ליניע פון די מיטלאלטערלעכע יידישע דיכטער, ביז

צו די הײנטיקע; און פּאַראַלעל צווישן די מיטלאַלטערלעכע דיכטער און די פֿון זיי באַאײנפֿלוסטע ײדישע דיכטער.

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ מאָדנער אינצידענט בעת אײנער אַזאַ ,,ביבקע" אין הויז פֿון שמעיה ציממערמאַן. דער עולם — לאָדזשער ײדישע אינטעליגענטן, שרייבער און סתם סוחרים-,,מעצענאַסן" — האָט זיך צעוואַרעמט פֿון גוטן וויין און די ,,יום-טובדיקע" געשפּרעכן. פּלוצים שפּרינגט אויף דער יונגער לאָדזשער דיכטער ירחמיאל נייבערג (געשטאָרבן אין רוסלאַנד) און ווענדעט זיך חסידיש-התלהבותדיק צו מאַנגערן: ,,ח' מאַנגער, לאָמיר כאַפּן אַ טענצל!" מאַנגער האָט נישט בלויז נישט אָנגענומען די איינלאַדונג, נאָר האָט אויך אַפֿילו אים גראָב באַליידיקט, דערקלערנדיק: ,,נישט מיט יעדן גראַפֿאָמאַן כאַפּ איך זיך טאַנצן"... נייבערג איז גראָד געווען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון זיין פֿרוי און פֿריינט. ס'איז פֿאַרשטענדלעך, אַז די באַליידיקונג האָט דעם עמפּינדלעכן, לונגען-קראַנקן דיכטער ביז גאָר געקרענקט און געבראַכט אין קאַנפֿוז.

איינער פֿון די פֿריינט נייבערגס, אַ לערער אין אַ לאָדזשער ייד. קינדערהיים, יאַנאַווסקי, איז אימפּולסיוו אויפֿגעשפּרונגען און דערלאַנגט מאַנגערן אַ פּאַטש. צווישן עולם איז אַנטשטאַנען אַ צערודערונג, וואָס איז נאָך מער פֿאַרגרעסערט געוואָרן, דורך מאַנגערס אופֿן פֿון רעאַגירן. ער האָט נעמלעך אויסגעבראָכן מיט אַ היסטערישן געוויין און פֿון גרויס פֿאַרצווייפֿלונג צעריסן אויף זיך דאָס העמד...

פֿאַרשטייט זיך, אַז צוליב טאַקטישע פֿאָרמעלע טעמים איז נישט נויטיק צו געבן אַ רײ כאַראַקטעריסטישע אינצידענטן, עפּיזאָדן, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט מאַנגערס אויפֿהאַלט אין פּוילן און די דרייסיקער יאָרן. נאַטירלעך, אַז אויסער די אינטימע פֿאַלן, איז אויך אַ סך צוגעגעבן געוואָרן פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע קיבעצער. יעדנפֿאַלס האָט זיך מאַנגער אויך אין זיין פֿיזישן לבוש אַרויסגעשטעלט ווי אַ פֿאַרביקער דיכטער, פֿול מיט שאַרפֿע, ממש אָרקאַנישע שטימונגס-ווענדונגען, ראַדיקאַל-עגאָיסטישע ,,גענג" און דעמאָנישע אָדער דעמאָניסטישע שפּיצלעך.

איך זאָג: ,,דעמאָניסטישע", ווייל ס'איז ווירקלעך שווער צו אַנטשיידן— און דערצו ביי אַזאַ קאָמפּליצירטן דיכטער — די אַלטע פּלוגתא: האָט זיין באַשטימט, האָט באַוווסטזיין, אָדער פֿאַרקערט?

שווער פֿעסטצושטעלן, צי די אַלע ,,דרכים" זיינען געווען אַ רעזולטאַט פֿון מאַנגערס באַוווסטזיניקער אידעאָלאָגיש-וואַגאַבונדישער און דעקאַדענטיש-באָהעמישער איינשטעלונג אָדער פֿאַרקערט: צו זיין דעקאַדענטיש-באָהעמישע אידעאָלאָגיע איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון זיין פּערזענלעכקייט — מיט אַלע אירע פּסיכאָפֿיזישע איינגאַרטן און אייגנשאַפֿטן.

ס'איז ווירקלעך שווער צו זאגן: וויפל איז פאראן אריגינעלעס אין דער לעבנס-פילאזאפיע און לעבנס-גאנג פון א דעקאדענטיש קינסטלער און דיכטער — איצט, הונדערט יאר נאך אלע באדלער-ווערלעניארעס, מירזשעס „באהעמע"; א האלבן יארהונדערט נאך דעם אינדווידואליסטישן פשיבישעווסקי-מעטערלינקישן „פען דע סיעקל"...

* * *

ווי באקאנט, האט מאנגער אין 39-טן יאר פארלאזן פוילן און אפגעפארן קיין פראנקרייך, וו ער איז שוין פארבליבן ביזן קריגס-אויסברוך.

אין דער צייט פון פעטענס קאפיטולאציע, איז מאנגערן ביי העכסט-דראמאטישע אומשטענדן, געלונגען זיך צו ראטעווען פון דער היטלער-לאווינע, אנטלויפנדיק אויף א פראנצויזישער ווידערשטאנדס-שיף קיין ענגלאנד.

נאכן סוף פון קריג האבן זיך דא און דארט באוויזן ידיעות, פערזענלעכע גרוסן פון מאנגערן. אין די אלע גרוסן לאזט זיך פילן דער צד השוה, אז דער דיכטער איז שטארק פארביטערט — אייסער פון דעם אלגעמיינעם פאלקס-חורבן, אויך פון דער פערזענלעכער טראגעדיע פון א גלענצנדיקן יידישן קינסטלער, וואס האט געהאט דאס „מזל" געבארן צו ווערן ווי א ייד און מגולגל צו ווערן קיין לאנדאן

מען דארף נישט האבן קיין גאר רייכע פארשטעלונגס-קראפט, כדי זיך צו שאפן א באגריף פון דעם זעלבסט-געפיל פון א גייסט- און וויזיע-רייכן, טעמפעראמענטפולן יידישן דיכטער אין דער נעפל-מעטראפאליע, און דעם לאנד, וו — לויט באוואליס — יעדער מענטש „איז אן אינדזל", וו יעדער איז רונדיק, פארשלאסן און זויער, ווי א ציטרין. מען קען זיך פארשטעלן, ווי דער עמפינדלעכער דיכטער נעמט אויף די נעפלען, וואלקנס, וואס הענגען ווי ברודיקע, פייכטע שמאטעס איבער די לאנדאנער גאסן.

נישט קיין קליינעם חלק אין מאנגערס פארביטערטקייט האט זיכער די לאנדאנער יידישע גאס, וואס אויף וויפל זי איז אסימילירט, באשטייט זי דער עיקר פון אן אפגעשטאנענער, גראבלעך-עמכ'דיקער מאסע, און די בידנע טעאטערס, וו מען שפייזט „משה'ן" מיט „קינסטלערישן" טשאלנט-רעפערטואר: „פעט", געפעפערט און מיט א ספעציפישן „אראמאט"...

ס'איז ווירקלעך צו באדויערן וואס א דיכטער פון אזא גוואלדיקער קראפט, פיינקייט און מוזיק-רייכקייט דארף אפריכטן גייסטיקן גלות ביי זיין אייגענעם פאלק. דער יידישער דיכטער האט — מיטן אומקום פון מזרח-אייראפעישן יידנטום, פאקטיש פארלוירן זיין אוידיטאריע, בלייבנדיק, ווי יענער מלך, אן א לאנד — א דיכטער אן א פאלק, אדער ווי מאנגער זאגט: „א דיכטער אויף קבר אבות ביי זיין פאלק".

* * *

מאנגערס באפליגלטע פאעזיע רייסט מיט און עפנט מרחקים; זיין ליידנשאפטלעך וויברירנדיק ווארט, צעגייט זיך ווי א נארקאטישער סערום מיטן זיסן שווידער און פיין אין די אדערן. ער איז דער דיכטער פאר עקסעלאנס פון „אָוונט״, נאכט, פון מיסטעריעזן ציטער און ראמאנטישן דעלירויום. ער שיינט צו זיין יורש פון די אלטע, ווילאנס, ווערלענס.

אוודאי פעלט מאנגערן דאס ספעציפיש = יידישע עטישע, פיבער און גאולה = קאָמפּלעקס, די תורה פון „שם״; דערפאר אבער איז דאס „יפתדיקע״ ביי אים אויסשטראלנדיק מיט און אומגעהויער = פארכאפנדיקער קראפט.

מאנגער איז א שיינע, ווילד = וואקסנדיקע רויז אויף דעם פרום = ענִיוות׳דיקן גראָזן = פעלד פון דער יידישער ליריק.

חיים גראַדע

חיים גראַדע געהערט בלי ספק צו די דיכטער, אויף וועלכע ס'קען געזאָגט ווערן: „יש קונה עולמו בשעה אחת”. שוין מיט זיין ערשטן דעביוט, מיט דער לידער-זאַמלונג „יאָ” — האָט ער זיך קונה שם געווען און באַלד פאַרנומען אַן אָרט ביי דער ליטעראַרישער מזרח-וואַנט. ער האָט זיך מיט זיין דיכטערישער אינדיווידואַליטעט אויסגעטיילט פון דער ליטעראַרישער גרופּע „יונג ווילנע”, וואָס האָט זיך אָנגעזען אויפן פאָן פון דער פאַרמלחמה'דיקער יידישער שרייבער-משפחה, מיט איר אייגנאַרטיקן טאָן און מענטאַליטעט.

א קרעפטיקער, פעסטגעבויטער מאַן, ברייט-ביינען, א ביסל שווערלעך, דאָס פּנים געזיכט איז, ווי א וואָלקן, שטענדיק אָנגעלאָדן מיט עפּעס א מעטיקס און דינאַמישס. אָבער פון הינטער דעם וואָלקן-געזיכט שיינט אויף דאָס גראַדע-ליכט, ווי די שיין פון אַן אָנהויב-פרילינג-זון, וואָס מוז זיך אויסהאַקן א וועג דורך די כמאַרע געפאַנצערטע הימלען.

חיים גראַדע האָט אַדורכגעמאַכט א שווערע יוגנט פון א קינד ביי אָרעמע יידישע טאַטע-מאַמע. אין דעם א. ג. פּוילן „ב” — די מזרח-ראַנדן. ער האָט אַדורכגעמאַכט די גאַנצע געצווונגענע דיסציפּלין פון „פת במלח תאכל”; דאָס ישיבה-בחורישע אָפּפינצטערן אויף די האַרטע טישן-בענק — גלייכצייטיק קאַטעדרעס און מאַטראַצן.

נאָכן אָפּזיין א לענגערע צייט אין א ישיבה פון „מוסרניקעס” אין נאָוואַראַדאָק — א מין אַסקעטישער ישיבה-אָרדן — רייסט ער זיך ענדלעך אַרויס אויף דער גרויסער וועלט.

געקשט פון די מוזעס, מיט א רייכער איבערלעבונגס-וועלט און גוואַלטיקער דינאַמיק און סענסיוויטעט פון קינסטלערישער מעטאַפאָרע, איז גראַדע אויך געזאַלבט מיט נביאישן פּאַטאָס און וויזיע. די האַזיקע הויך-מעכטיקע שרייבערישע אייגנשאַפטן זיינע: אָנגעלאָדענע סענסיוויטעט, באַפליגלטקייט פון בילד און פלאַמענדיקע, פּאַטעטישע וויזיאָנערישקייט, קומען שוין אַרויס אין זיין ערשטער לידער-זאַמלונג. אונטערן כאַראַקטעריסטישן „יאָ”.

אינעם בוך „י׳ אָ“ קרייצן זיך טיילמאָל קולבאַקס לונאַטישע מעלאָדישקייט („קידוש-לבנה“, „האַרבסט אין גאָרטן“) און האַלפּערנס איראָנישער עקספּרעסיאָניזם און בלוט-האַלוצינאַציעס („קאָשמאַר“, „באַלאַדע“), אָבער גאָר גיך שלינגט ער איין די ביידע שטראָמען אין דעם ים פון זיין אייגנאַרטיקער דיכטערישער פּאָטענץ.

גראַדע באַווייזט זיך שוין אין זיין ערשטלינג-בוך, ווי א דיכטער וואָס איז נישט אויסגעטאָן פון דער צייט.

אין א ריי אורבאַניסטישע לידער, ווי: „סדום“, „ווין“, „וועלט 1934“ א. א. גיט דער דיכטער אין ריטמיש-צוקנדיקע, בלוטיק-הייסע שורות — די גאַנצע טראַגישע פּראָבלעמאַטיק פון דער געראַנגל און ערב-שטורעם-עפּאָכע.

גראַדעס דיכטערישע אייגנאַרטיקייט ליגט אין דעם, וואָס ער איז א פול-בלוטיקער און גבורהדיקער דיכטער; ער איז דער זינגער פון ווייטיקן אָפּטימיזם און העראָישן פאַרשטשעמען די ציין, ווי א פאַרוווּנדעטער קריגסמאַן. דער „בעל ברחך אתה חי“, ווערט ביי אים אינטערפּרעטירט אויף אן עכט העכטערישן אופן. ער איז ווייט פון די דיכטער פון פּעסימיסטיש-צאַרטן טיף, וואָס זינגען ברממה-דקה, בלחשדיק; וואָס נישט נאָר זיי גייען אדורך דאָס לעבן ווי שאָטנס, נאָר אויך זייער שאַפונג — אומאָפּהענגיק פון טיפקייט און קינסטלערישן ווערט — איז א שאָטנהאַפטע, לבנהדיק-מעלאַנכאָלישע, האַרבסטיק-נאָגנדיקע און סאָמנאַמבוליש-פאַרחלושטע. (אין דער וועלט-פּאָעזיע — ווערלען, ראָדענבאַך, פּאָו).

מיט זיינע העראָישע טענער, אורקרעפטיקן פּאַטאָס און לעבנס-באַיאָען, וואָלט גראַדע אין דער יידישער פּאָעזיע אייננטלעך געקענט זיין א מין וואָלט וויטמען — דער אמעריקאַנער, מעכטיקער פּאָעט, וועמענס הימנישע שורות פליִען מיט נאַטור-כוחות פון א ציקלאָנישן טייך.

גראַדע איז אָבער א קינד פון א קראַנקן דור, פון א בלוטנדיק פאָלק, פון ערב-שטורעם-צייט. זיין שפּראָצנדיקע און שפּריצנדיקע לעבנס-פרייד איז געמישט מיט סם פון צווייפל, ווי און טרויער.

אין גראַדעס דיכטערישן געמיט קומט פאָר אן אייביקער געראַנגל פון ליכט און פינצטערניש; זון-פלייץ און לבנה-גליווער; היינט-געזונקענהייט און באחרית הימים-ראַפּסאָדיק.

אָבער אפילו ווען די חושך-לאַוועס פאַרגיסן דעם מונטערן פּאָעט, פאַרזינקט ער אויך נישט אין א לונאַטיש-הינערפלעט-צושטאַנד; אויך דאַן קומט צום אויסדרוק זיין אַקטיוו מענלעכע נאַטור:

„איך טראָג אום מיין שעפּסענעם לעבן אין וועלפישע ציין,
איך לעב ווי א שעפּס און האָב פיינט ווי א וואָלף זיך אליין...“

(„אין וועלפישע ציין“).

אין דעם ליד איז וווּנדערלעך אויסגעדריקט דער דראַמאַטישער קאַמף

אין געמיט פון דיכטער. מיט זיין רייכער פּאָעטישער עקספּרעסיע=קראַפט, שילדערט ער זיך אַליין, טראַגנדיק דאס „שעפּסענע, אָרעם=געבעכדיקע לעבן אין די „וועלפּישע" ציין פון מעכטיק=שעפּערישער באַפליגלטקייט. און אפילו ווען די פינצטערניש פון זיין צייט גיט אויף אים א פלייץ, ווערט ער אין איר נישט פאַרזונקען, נאָר שטייט שטאָלץ — א ווי=מאָנומענט, פאַרביסן מיט די ציין אין זיין דור און אין זיך אַליין.

גראַדע דערהייבט זיך צו העראָיש=פּאַטעטישע טענער, ווען ער זינגט פון „שניי באַדעקטן באַרג=אַרונטער":

„איך זינג פון שניי=באַדעקטן באַרג אין טאָל אַרונטער,
העל און פּראָסטיק, ווי די לופט, איז מיין געזאַנג...
...ניט איינמאָל האָב איך, ווי דעם שניי, געמוזט זיך שענדן,
און זיך אַליין אַריבערשפּאַנען, ווי א בריק".

אין דעם ליד פילן מיר די פרישע אַטמאָספערע פון באַרגשפּיץ=לופט, וואָס איז ווי א רמז אויף דעם לויטער=קרעפטיקן געמיט פון לעבנס=פרייד און כוח=שווּנג פון אַן אָדלערס אויסגעשפּרייטע פליגל.

דעם קווינטעסענץ פון זיין דיכטעריש=פילאָזאָפישן באַנעמען, גיט גראַדע איבער אין דעם קרעדאָ=ליד „יאָ":

„יאָ — דאָס איז דער ענטפער פון מיין יוגנט,
ווען זי באַדאַרף פון אייגן הויט אַרויס.
יאָ — דאָס מיינט: מיין גורל איז מיין יוגנט,
מיין פּאַטוס איז דער מילכוועג צו מיין גרויס.

— — — — — — —

...גלויב — די פינגער מיינע ציען זיך, ווי שטראַלן,
ווי טרערן רינט פון מיין געזיכט דער בלאָ,
מיין האַרץ, דערשלאָגט זיך צו דעם קוואַל פון אַלע קוואַלן,
דערשלאָגט זיך צו דעם ערשטן זאָגנדיקן: יאָ!"

גראַדע האָט קינסטלעריש פאַרדייעט די קאָנצעפּציעס און די טעאָריע פון מענטשלעכן פאַרשריט; ער האָט דאָס געגעבן א קינסטלעריש=אויסגעמאָלטע דימענזיעס, — מיט דזשונגל הינטער זיך און מיט א מילכוועג איבערן קאָפּ.

מיט זיין קאָסמישן פאַרנעם, זיין=ליידנשאַפט און שווּנג, געהערט דאָס ליד „יאָ" צו די אייגנאַרטיקסטע פּאָעטישע אני מאמין'ס אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע, אויסגעצייכנט מיט דינאַמישער קראַפט און עקספּרעסיע.

צו דעם הויך=פּונקט פון אַפּאָקאַליפּטישן פּאַטאָס און וויזיע=אָנגעלאָדענע געזאַנגען, דערגייט גראַדע אין דעם ציקל „יחזקאל". דער פּייערדי=

קער פּראָפּעט מיט דעם געוואַלדיק-רייכן כּוח-הדימיון, וויזיע-עקספּלאָדירנדיקן מאַרך און פאַנטאַסטישע השׂמל-פאַרבן — איז אַן אַטראַקציאָנעלע געשטאַלט פאַר דעם עכט-פּאָעטישן פּאָעט גראַדע. דער פלאַמענדיקער נביא און סימבאָליקער, וואָס שוועבט אין די פּאַספּאַר-וואָלקנס פון עקסטאַטישער פאַרשטעלונג, איז אַ גלענצנדיקער פּראָטאָטיפּ פאַרן פּאָעט-וויזיאָנער, וואָס איז אַדורכגעדרונגען מיט וועלט-אחריות. ער לאָזט רעדן דעם נביא אין זיין ליידנשאַפטלעכער, פאַרביקער שפּראַך, אויפוויינדיק די גענעאָלאָגישע נידעריקייט פונעם מענטש אין ליד „דער באַשאַפענער”:

„...און דו ביסט, מענטש, אין אייגן בלוט געלעגן,
מיט דם געבוירן-שמוץ אויף דיינע ליפּן”...

דער נביא מיט זיין העלזעערישן אינסטינקט, בליקט ביזן דנאָ אַריין אין דעם פאַרמענטירנדיקן ספינקס, וואָס רופט זיך: מאַסע. ער זעט זי אין איר דערהויבנקייט, זינד — אויסגלייטשונגען און אינפאַנטילער נאַקעטקייט.

ער זעט אויך אין איר „אַן אויפגעוועקטע גרייס” דאָס פּאָטענציעלע, די דרימלדיקע גרויסקייט.

יחזקאל קריגט זיך נישט בלויז מיטן ווידערשפּעניקן פאָלק, ער מאָנט ביי גאָט — יושר:

„...די אויסגעבענקטע שעה פון דערלייזונג מוז קומען,
וואָס וועט אָבער ווערן מיט דעם בלוט
דעם אומשולדיקן, וואָס די ערד האָט צוגענומען
דורך אַלע דורות ביז אָט דער מינוט?”...

גראַדע דערפירט זיין נביא יחזקאל צום אַפּאָטעאָז, באַזינגענדיק אין דיטיראַמבישע פערזן זיין טויט און „אילוזיע-דערוואַכונג”.

די וויזיע פון די עצמות-היבשות ציינדט אָן דעם פלאַמענדיקן נביא — אויך נאָכן טויט. ער קומט צום טאָל פון די ביינער, און באַפעלט זיי צו ווערן לעבעדיק און צו נעמען אַנשטאָט אויגן פאַר זיך — זייערע טרערן, וואָס זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין פלאַמען. דער נביא ברענט מיט זיין רוף:

„איצט, אָדער קיינמאָל נישט!”
...דערוועקטע, איר מוזט נאָך מער וווּנדער באַווייזן
ווי לעבעדיק ווערן: דעם צוים אַריבערשפּרייזן!
ער צאָרנט, ער וואָרנט: דעם צוים איבערשפּרייזן!
און זיי אַלץ ביים טאָל-ראַנד אַרומקרייזן, קרייזן...”

אין דעם פאַנטאַסטישן און אַלעגאָרישן ליד, איז מיט אַ פייערדיקער שפּראַך און עכט-פּאָעטישן כּוח הדימיון, געשילדערט די טראַגישע קאָליזיע צווישן דעם באַפליגלטן באַפעל פון דעם נביא, וואָס זיין לאָזונג איז „איצט, אָדער קיינמאָל נישט”, און דעם שוווּנג-מאַנגל פון די עצמות-היבשות”, וואָס „ביים טאָל-ראַנד אַרומקרייזן, קרייזן”.

אין אלגעמיין איז דער לידער-ציקל א ווירדיקע קרעאַציע פון דעם פלאַמענדיקן פּראָפעט, וואָס באַשיינט די רעאַליטעט מיט זיינע בליץ-פאַרבן.

יחזקאל, וועמען ס'טראָגט דער רוח — זיין אייגענער שווונגפולער און אימפּעטיקער חזיון — צום כסא הכבוד, ווערט דורך גראַדעס געוויזן אין זיינע ראַנגלענישן אויף די וועגן פון פיין, מיט דער מאַסע, מיט זיך און מיטן באַשעפער. פון די ליידנשאַפטלעכע ווערטער אין בליץ-שימערינדיקע בילדער, וואַקסט אויס פאַר אונדז די מענטשלעך-איבערמענטשלעכע געשטאַלט פון דעם באַפליגלטן העל-ווייט-און דורכזעער, מיט די פלאַם-אויגן, כוואַליעדיקער באָרד און לייוונטענעם קלייד. ביים פאַרשווינדן פון אזא ליכטיקער געשטאַלט יאָמערן מיר אויך, ווי די קופּעס ביינער אין גראַדעס ליד: „דער נביא — נישטאָ מער”...

* * *

צו גראַדעס פעדער געהערט אויך די עפּיש-לירישע פּאָעמע „מוסר'ניקעס”. אין פיינע בילדער און סצענקעס באַזינגט און שילדערט דער מחבר אן אייגנאַרטיקן ווינקל און סביבה אין יידישן לעבן. די נאָוואַראָדקער ישיבה פון מוסר'ניקעס, וואָס גראַדע שילדערט, האָט קולטיווירט א לערנער-טיפּ מיט אן אסקעטישער באַפאַרבונג. ווי עס זאָגט שוין דער בלויזער נאָמען — „מוסר'ניקעס” — האָבן די נאָוואַראָדקער געשטעלט דעם אקצענט, סיי אין לערנען, סיי אין התנהגות, אויף מוסר, אויסאַרבעטן זיך אין מידות, מדרגות און אין נאָך קאַטעגאָריעס פון דער רעליגיעזער וועלט

אין דער פּאָעמע ווייזט אונדז דער מחבר א גאַנצע ריי ישיבה-בחורים פון פאַרשיידענע כאַראַקטערן און התנהגות — דער קורצער און לאַנגער טראַכנבראָדער — מאַלערישע טיפּן. דער וואַרשעווער — א טיפּ פון א צבועק און בעל-גאווה, דוד קאָפּעטקעוויטשער — דער למדנישער פּראָנט, וואָס טראָגט שוין די ציצית אין די הויזן, א טשופּרינע — אנשטאָט פּאות, און באַווייזט זיך ביי יעדער געלעגנהייט מיט זיין גאָלדענעם קייטל-זייגער און חריפותדיקע שאלות, שלמה באַבונעצער — „א תמימותדיקע לאַם”, א צאַרטע, ערלעכע נשמה, דער „נאָוואָבראַניעץ”, יוסף קאָוולער גיט אָפּ א נדר נישט צו פאַרלאָזן די ישיבה אפילו א היים נישט פאָרן. משה ליבער, דער אַפּיקורס, שפּייט קלעק אויף אלץ, אים בינדט אהער נאָר דער הונגער; כלאַוונע, דער וויל-לערנער מיט זיין שכלדיקער מעסיקייט, אימפּאָנירט מיט זיין האַלטונג און אויסערלעכקייט; חיים ווילנער, דער „אַרבע-כנפותדיקער פילאָזאָף” אין אויסגעדרייטע שיך” — איז דער מחבר אליין, וואָס האָט „געהערט, ווי פון דער ווייט — זיין בלוט, אזוי ווי דאָס געערויש פון ווייטן פריילינגדיקן וואַסער”.

איבער זיי אלעמען דערהייבן זיך מרה-שחורהדיק די געשפענסטיק-שלייכנדיקע שאָטנס: דער „אָסטראָוואָליער” און ר' אבא — די ישיבה-וועטעראַנען, זיי זויגן אויס דאָס לעצטע ביסל זון און ערדישקייט פון די תורה-

רעקרוטן. זיי האלטן די פריש-אנגעקומענע אין צוים פון נדר און תקיעת-כף-געבן אויף יעדער זאך: געפונען א ביכל — נישט לייענען מער; נישט פארלאזן די ישיבה א. א. וו.

דער גאנצער כמורנער עולם בירעוועט אָפּ אויף די הארטע טישן-בענק און נישט-ווייכיקער הארטע לעבנס-כללים... „מען לערנט, ס'רוישט, ווי אין א בינשטאָק, און ס'קלעטערן צום הימל אויפן אייגענעם געשריי — די זין פון אוקראינע, ליטע פוילן און וואָלין"...

אין פארביקע, פלאסטישע בילדער ווערט אין דער אייגנארטיקער פּאָעמע געמאלן די עקזאָטישע לאנדשאפט פון דער יידישער טראדיציאָנעל-גייסטיקער מאפע פון פארן קריג אין מזרח-אייראפּע — די נאָוואָראָדקער ישיבה מיט אירע מוסרניקעס און זייער קלעטער צום הימל, ווי אויך זייער אראָפּפאלן אויף דער ערד — מיט א קנאַק...

די פארביסענע ריוואליזאציע צווישן דעם נאָוואָראָדקער מוסר-וועטע-ראן, דעם „אַסטראָוואָליער", מיט דעם יונגן, אימפּאָנירנדיקן כלאָוונען, איז איבערגעגעבן אין א ריי דראמאטישע בילדער און סצענעס — פון אינערלעכן געראנגל — געזען מיט פּאָעטישער אינטואיציע און פּסיכאָלאָגישער וואר. דאס לעבן אינעם טריבן חלל פון דער קלויז איז פול מיט קאמף צווישן דעם „מבקש"-טיטל פון מוסרניק-סטודענט און די אונטערדריקטע תאווה'ס, וואס שיסן ארויס ווי פארשטיקטע פלאַמען, און פליצן ווי געצוימטע וואסער-שטראָמען. א מער צופאסיקע ארענע פאר דעם קאמף איז די נאכט, ווען דער מוסרניק בלייבט אליין מיט זיך און מיט זיינע צעפלאקערטע „מען טאָר-נישטן"...

ממש מייסטערהאפט שילדערט אונדז גראַדע — עקס חיים ווילנער — דעם אין פלוג וועלט- און תאווה-אויסגעטועטעם „אַסטראָוואָליער" — א ווירקלעך אויסגעטועטעם פון די קליידער און מוסר-אילוזיעס אויפן געלעגער:

„...האט ער זיין קאָפּ פארגראָבן אין קישן,
געוואָלט זיך מיט דער פינצטערניש פארמישן
און אומעטום זיין הייסן לייב געפינען;
זיין גוף האט אים געברענט,
תאוותדיקע דמיונות האבן אים פארשפינען...
אָ, דער גהינום האט ארויסגעשאסן פון זיין בעט
אין פייערצונגען"...

דער „אַסטראָוואָליער" ראנגלט זיך גלייכצייטיק מיט זיין ליידנשאפט צו דעם ראש ישיבה'ס טאָכטער און מיט דער אייפערזוכט צו זיין זיגרייכן ריוואַל, דעם סימפּאטישן כלאוונען

אין די אלע גהינומדיקע תאווה'ס, וואס ליגן טיף אונטערדריקט אין די מוסרניקעס, און קומען ארויס שפּעטער מיט פראַצענט — איבער זיי אלע

פּאַכעט די דראָענדיקע מוסר־בייטש פון פאַרשטאַרבענעם מוסרניק, דעם „קופּישקער". דער קופּישקער האָט געטאָן אַזוי — אין אַזאַ פאַל, אַזוי — אין אַן אַנדערן פאַל...!

דער קופּישער מוסרניק איז דערגאַנגען ביז אַבסורדאַלער היפּער־מאָראַלישער פּערווערזיע אין זיין פּאַטאָלאָגישער זעלבסט־פּייניקונג; ער האָט צעבראָכן די ברילן נאָכדעם, ווי ער האָט זיך „גאַזוהדיק פאַרקוקט" אין גאַס; ער פלעגט גיין אין מתים־שטיבל שלאָפן אויף די טהרה־ברעטער, כדי צו באַקעמפן פּחדנות; אַרייַנרוקן די נאָז אין מיסט...

אויף אַזאַ אומהיימלעכן פּאָן איז אויסגעמאָלט דאָס לעבן און קאַמף פון חיים ווילנער — גראַדע, אין די שטויביקע און די דומפּ־לופטיקע רוי־מען פון קלויז. דער מחבר דערפירט ענדלעך צו אַ לייַדנשאַפטלעכן און דראַ־מאַטישן ווערטער־און מיינונגען־דועל צווישן חיים ווילנערן און דעם אַפּיקורס משה ליבער. דער לעצטער איז משמעות אַ סימבאָלישע פיגור (אפשר גאָר „ווילנערס" צווייטער איך"), וואָס האָט געוואַקסן פון דאַרווינען, די קריטיקער פון ביבל — נאָר ברויט איז נישט געווען אין אַנדזער שטיבל".

ליבער לאָזט הערן אַ טראַגישן ווידוי און דראַסטישע זכרונות:

„אַז איך דערמאָן זיך אין די פרעמדע טישן, ווילט זיך מיר
אין בלאָטע ליגן".....

„....די אומרו האָט געברויזט,
די האָפענונג האָט אויפגעבליט אין לאַנד אין וויסטן
און איך האָב זיך געפּייניקט צווישן ל"ו־ניקעס און אַגאַניסטן"...

ווייטער קלאָגט זיך ליבער־אַפּיקורס:

„איך האָב גע'חלומ'ט תמיד פון אַ ברייטל, פון גאַנצן לעבן,
און אַרום מיר — אַ מחנה פון צעפליקטע בגדים,
טוכלע און פאַרשטויבט
עפּוש קרעץ און שוועבל, און אַ גהינום פון געשריי:
„בן־אדם, איי בן־אדם"...

דער אַפּיקורס רייסט אַרונטער פון די „נאָוואָראָדקער", פון זייער תּוכן — די אייגנרעדעניש, אַז פון זיינע נשמה־וואונדן — די קאָנווענציאָנעלע פלאַסטערס. ער דריקט אויס זיינע געפילן צום פרום־דעגענערירטן אַרום: „איך האָב זיי פיינט, איך וואָלט פון זיי די הויט געשונדן; איך האָב פיינט אפילו דעם גערוך פון זייער נאָמען"...

גראַדע ענדיקט זיין וואונדערבאַרע עפּישע פּאָעמע מיט אַ סימבאָלישן קאַפּיטל: „דער ארון־קודש פאַלט". ער שילדערט אַז אין פינצטערניש איינגעהילטן מוצאי־שבתדיקן קלויז, דער ראש־ישיבה פירט אָן מיט אַ מאָד־נעם, האַלב־סאָלאָ און האַלב־כאָראַלן תשובה־און תפילה־צערעמאָניאַל. די

קולות פון ווילד=רעליגיעזער עקסטאטיק, דערגרייכן צו מדרגות פון היסטעריש=פיבערהאפטן ריטואַל פון פאַנאטישע סעקטעס.

אויפן פאַן פון אָט דער אייגנאַרטיקער סצענע מאָלט אונדז דער מחבר דאס סימבאָלישע בילד, ווי דער ארון=קודש פאלט:

פון חיים ווילנערן האט זיך פלוצלונג אָפּגעריסן דער גאנצער קלויז מיטן ארון=קודש א ן אנגעהויבן פארשווינדן אין דער ווייט.

„...אבינו מלכנו... טו דיין גייסט, דיין הייליקן פון אונדז נישט אָפּ —
דער דונער האט זיך טיף אלץ מער און מער דערווייטערט,
און חיים ווילנער איז געבליבן א פארוואונדעטער אין אן אָקאָפּ,
א בלינדער אין א נאכט=וואלד ביי אן אויסגעברענטן
שייטער — — —".

„...אבינו מלכנו... טו דיין גייסט, דיין הייליקן פון אונדז נישט אָפּ — דער דונער האט זיך טיף אלץ מער און מער דערווייטערט, און חיים ווילנער איז געבליבן א פארוואונדעטער אין אן אָקאָפּ, א בלינדער און א נאכט=וואלד ביי אן אויסגעברענטן שייטער — — —".

דער ארון=קודש=סימבאָל פון סטאטישן רעליגיעזן גלויבן — פאלט! די אונטערגראָבנדיקע געדאנקען פון ליבערן און די אייגענע טאטשענדיקע ספיקות האבן סוף=כל=סוף ארויסגעפירט פון גלייכגעוויכט דעם לאנגאָניקן, פונדאמענטאלן גלויבן. חיים ווילנער בלייבט, לויט דעם שטימונגספולן און פלאסטישן בילד — „פארוואונדעטער זעלנער אין אן אָקאָפּ, א בלינדער אין א נאכט=וואלד, ביי אן אויסגעברענטן שייטער". עס איז נאטירלעך א פרעציעזע אימפּרעסיע פון מאָמענט, אָבער חיים ווילנר וועט נאך אויפשטיין פון אָקאָפּ צו נייע אידייאישע שלאכטן; דער „בלינדער" וועט ארויס פון דעם „נאכטוואלד" — אויפן זוניקן שליאך פון שירה, רעאלן געראנגל א ן האָפּערדיקייט. די פּאָעמע „מוסרניקעס" וועט בלייבן לדורות און דער יידישער פּאָסעקטאנטן, ווי אויך צוליב די געטרייע עפּישע בילדער און הארציקע לירישע טענער — אזוי פיין דיכטעריש ארויסגעבראכט.

* * *

אין די יארן פון דער צווייטער וועלט=מלחמה האט גראדע זיך געפינען, צום גליק אין רוסלאנד. ביזן היטלערישן איבערפאל, אין יוני 1941, איז זיין היימשטאט — ווילנע; שפּעטער פארוואנדלט געווארן אין די אומענדלעכע מדבריות פון מיטל=אזיע, צוזאמען מיט טויזנטער ברידער — פּליטים, שפּאַנענדיקע אויפן דארניקן נע=ונד=שליאך.

די שווערע נסיונות פון „ביעזשענצעס" (פּליטים), אפילו אויף די שטחים פון א גאסטפריינטלעך פאלק, האט גראדע פארצייכנט אין א באנד לידער: „פּלי'טים" — לידער און פּאעמען, געשריבן אין ראטן=פארבאנד אין די יארן 1941 — 1945. דער דיכטער פון „י א" איז נישט בלויז א „זינגער פון זיין

טרויער", נאר אויך א געטרייער דיכטער = טריבון פון דער צייט (לויטן באַפליגלטן פערז מיצקעוויטשעס — א דיכטער = מיליאָנער: „כ'בין א מיליאָן, ווייל כ'לייד פאר מיליאָנען"). ער זאמלט איין די טרערן פון כלל, פון גאנצן פאלק, און לאזט זיי גלענצנדיק = זילבערדיק זיך שפיגלען אין דער זון...

ביי גראדען איז דער מענטאליטעט = פארנעם גענוג גרויס, אויסער פאר די רשות = היחיד = אפארטאמענטן פון אור = וחושך = געראנגל און וואלקן=דעפילאדעס, — אויך פאר דעם רשות הרבים פון פאלקס = ליידן און פאר דער פייערדיקער, נחמו נחמו עמי וויזיע. פון דער גלאריע, וואס וועט נאך צוריקשטראלן אויפן מארטירער = פאלק.

צו דעם מין געזאנגען פון פאלקס = קלאג און גאולה = בישטער — געהערן די ציקלען: „פליטים" און „אדעם צו דער זון"; צום מין יחידישע געזאנגען — „דערקענסט מיך נישט" און „מיט דיין גוף אויף מיינע הענט". טענער און שטימונגען פון ביידע מינים פאעזיע, קרייצן זיך אין ציקל „דער דיכטער".

גראדע, וואס האט מיטגענומען פון די שטויביקע ישיבה = צעלטן דעם ליכטיקן קערן פון וועלט = תכלית — אויף א ברייטערן און פארטיפטן אופן — לאזט צעגיין, אין די ערשטע צוויי געזאנג = ציקלען, זיין יחידישן טראפן ווי אין דעם רויטן ים פון דעם כלל'ס צער און בראך; ער קלאגט „ווי דער געניאלער מקונן", „על שבר בת עמי"; ער ברומט מיט זיין לייבן = קול, וואס איז אייגן זיין דיכטער = נאטור, אויפן גורל פון די, וואס ציען זיך „אין נאכט און אין ווינט", אויף די פארלוירענע מרחקים פון גליאיקן מדבר קאראקום ביז די קרקעבתולה'ס פון צפון — פינצטערע אור = וועלדער פון קאמי.

אין די אומאפהערלעכע נע = ונד = עשאלאנען, וואס ציען זיך קרעכצנדיק אויף די צעגליטע זאמדן, פארעט אויס דעם דיכטערס צעגליטע געמיט די גרוילהאפטע רעפלעקסן, וואס פירן אויטאמאטיש צוריק צום פארשאלטענעם צרות = רעזערוואר און אומגליק = גענעראטאר — דעם הערצאג פון סדום, אורדנטרעגער פון דער האקנשלאנג און אויבער = אשמדאי איבער אלע גהינום=טרופן — „ע ר"... דער געשפענסטיקער קאליקע = בוים סאקסאול, „מיט הענט און מיט פיס אויסגעדרייטע", שרייט אין מדבר = שטורעם:

„...אָ, ווער האט פאריאָגט אייך אהער?
ווערט דער מדבר מיט יאמערניש פול:
דאס האט ער —
דאס האט ער —"

דאס אומהיימלעכע עכא = געברום פון דעם פינצטערן ער = רוף איז אבער נישט בכוח צו געוועלטיקן איבער דעם „י א" = שאלער, וועמענס אורגלויבן איז א בארג = שפיץ, וואס קיין צייט = מבול קען נישט פארגיסן.

גראדע באזינגט אין א פרעכטיק ליד די בארג = לייט פון פאמיר, וואס

פלייצן אראפ פון די בערג ווי א שטורעמדיקע לאווע. ער באזינגט מיט זיין פרעכטיקער שפראך — די קראפט, פלינקייט, העלדישקייט און פרייהייט־אינ־סטינקט פון די פרימיטיווע, זון פארברענטע און ווינט־געקושטע נאטור־קינדער.

דאס הערליכע בילד פון די שוועבנדיקע פאמיר־רייטער ברענגט בליציק דעם ווייטמוטיקן פאעט און אנאלאגישע רעטראספעקטיווע וויזיע פון אייגענעם אוראלטן העלדישן פאלק, וואס „האט זיין אייגן הויז צעשטערט און נישט געבליבן דעם פיינט קיין קנעכט", און וואס האט „אמאל אויף פעלזן אנגעשריבן זיין פרייע רעכט". ער דערמאנט זיך מיט טיפן באנג און באדויער, אז אויך זיין פאלק האט אמאל אזוי ארלעריש־פריי געקרייזט איבער די בערג....

די מסקנות פון אזא בילדערישער אנאלאגיע לאזן זיך לייכט מאכן.....

דאס באוווסטזיין פון דעם חורבן אין דער פארלאזענער היים, פון דעם אומדערהערטן, רוייערנדיקן אומקום פון די יידישע עדה'ס — איז דער גרונט, אויף וועלכן גראדע טורעמט אויף זיין וואונדערבאר מאנומענטאל ליד: „מיין אלטער דור". דאס איז א מייסטערישע קאמפאזיציע, וואס האמערט אוים און קלאסישע פערזן און גלענצנדיק־עפישע בילדער — די טייערע, טראגיש־פארשוני־טענע, זאפטיקע געשטאלטן פון דעם אלטן דור.

ער זוכט פול מיט ראמאנטישער התפעלות, וואס איז ארומגעזוימט מיט פינקלדיקע טרערן — די „זיידעס מיט די פלאקסענע בערד, און די מאמעס, פרום פארהילטע אין שאלן". ער ווענדט זיך צו די „יידן פוילישע מיט גארטלען, און אין מאנץ ארייגעפלאקערט, תאווה'דיקע וואנצעס, הייסע בערד און אויגן סאמעט"; צו די „שטעטישע פורמאנעס, דעמבענע, מיט יוכטענע באליאוועס" און צו די „באביצעס אין מעשענע שפאקולן היימישע". ער קלאמערט זיך פי־בערדיק איין און דער איבערגעבענטער האפנונגס־שטרוי: „פארשווינדט נישט".

דאס וואונדערבארע ליד וועט אן ספק פארבלייבן אלס שעדעווער, סיי דורך דער עפישער געשטאלטונג פון דעם פארשווונדענעם דור, סיי מיט זיין ליריזם און קאנוולסיוון קלאמערן זיך אין דער נאציאנאלער קאנטינויטעט.

גראדע ווענדט זיך אין דעם עמק הבכא פון דער צייט צו זיין גרויסן פארגייער — חיים נחמן ביאליק. ס'איז נישט קיין חידוש, וואס גראדע, דער אימפעקטיווער, פאלקלוטיקער פאעט — דער מייסטערישער „באס" אין לירישן ארקעסטער — האט א השתפכות הנפש־מאנאלאג פאר דעם מעכטיקן שטו־רעם־דיכטער ביאליק. ער באערט טיף דעם גרויסן מייסטער אין פרעכטיקע דיטיראמבישע שורות:

„און ווי די שטיינער איינגעוואקסן אין איין בארג,
וועט אויך קיין שטורעם נישט פונאנדערוקן
דאס ווארט פון דיין געדיכט, וואס איז געהאמערט שטארק,
און פאר דיין אורקראפט מוז איך טיף זיך בוקן".

דער מחבר פון די יחזקאל־לידער האט אין זיין דיכטערישן עלעמענט

די גוואַלטיקע פייער = פּאַטעגע אין פליץ פון געפילן פון דעם באַפליגלטן ריז, וואס האט געשטורעמט מיט „צער און צארן" איבער דער „שחיטה = שטאָדט"; וואַנדערנדיק אין די ווייטע טורקעסטאַנער מדבריות, ווענדעט גראַדע זיין בליק צו דעם ריזלדיקן קוואל פון גלויבן, וואס שלאָגט דורך צייטן און דורות, דורך די אומשטערבלעכע שורות פון דעם אומלעשלעכן פייער פון דעם נביאישן פּראַמעטעום, וואס האט דער ערשטער, זינט טויזנטער יארן, געלאָזט שאלן דעם עקזאַלטירטן רוף און אויסגעפּידלט די געטלעך = דעמאַנישע סימפאָניע פון תהו=מיקסטן „על שבר בת עמי" און דאס בליצן=כתב פון „לעצטן וואָרט":

„גיב קראַפט, פאַטער, דיין פאלק, וואס איז פון ווייטיק = טויב,
גיב רו ביינאַכט און כוח איבערפּרי אים,

און אונדז, די דיכטער זיינע, גיב א האַרץ, וואס גלייבט.
און גאַר דעם פייער פון די בני הנביאים".

דער ציקל „אָדעם צו דער זון", האט עטלעכע שטאַרקע און אָריגינעלע לידער, וואס ציטערן אויס האַלב = תפילהדיק, האַלב מעדיטירנדיק דעם מיסטעריעזן צאַפּל פונעם פאַטער פאר דעם קאָסמישן זון= און זין ספינקס.

„...דער מענטש איז מיין בענקשאַפט, —
ווי א שטורעם אין שנייאיקע נעכט
איז ער שרייאיק, פאַרפּלאָנטערט און שלעכט. —
נאָר ווי דער פאַרנאַכט אין האַרבסטיקן וואַלד
איז ער טרויעריק — גוט,
ער גיסט אין טונקעלער שטילקייט און שטראַלט
אין זיין בלוט. — — —"

— — — — — — —

„...מיר קוקן פאַרטרויט דיר אין פּנים,
אַזוי ווי דער זויגלינג דער מאַמע:
דערליין אונדז פון אימה און פּיין,
און דיין פייער דעם שטראַליקן..."

מיט א טיף = געפּרעסטן ווי, וואס גייט אויף אין דער אַלץ באַזיגענדיקער סובסטאַנץ פון לייד = ליד, אָטעמען די האַרציק = צאַפּלדיקע געזאַנגען פון ציקל „מיט דיין גוף אויף מיינע הענט". דאס שטאַלענע וואָרט גראַדעם ווערט אין דעם גוואַלדיקן שמעלצטיגל פון באַנגער דערמאַנונג, חרטה, פּיין און בענקשאַפט — בפירוש פאַרווייכט און פּעמיניסטיש צאַרט.

דער אַבלדיקער פאַטער גליט אין מיסטישן פיבער:

...היל מיך איין ווי א נעפל,
בלי אַריין אין מיין שטוב
מיט די ביימער פון עפּל....

א זעלטן פאַטעריש בילד פון דינסטן, וויברינדיקן טאָן הערגרייכט גראַדע

אין דעם וואונדערבארן ליד „אויף די שניי = בערג". ער זעט זיך מיט זיין אומ= געקומענער טויב:

„....אויף די שניי = בערג בלויע שאטנס,
שאטנס צוויי געקלאמערט שטייגן....
...בלויע מירמלנע צווייי רויבן
גייען אוים אין טאג אין ריינעם..."

דאס האזיקע גייסטער = ליד איז א שווונגפולער אדלער = פלי איבער די ווייי = תהומען פון הארצן צו די שנייאיקע התרוממות = שפיצן... ס'איז א שוועבן און ערדישער משא און די ריינסטע סטראטאספערן פון זילבערדיקסטע קלאנגען און פארגייסטיקטן שימער פון א כרובימדיקן טרענבויגן...

* * *

ווען מען מאכט א כראנאלאגישן איבערבליק און אנאלאטישן קווערשניט פון דער ליטעראַרישער שאפונג פון חיים גראדע, מוז מען קומען צום אויספיר, אז דער לפי = ערך יונגער (אין יארן) פאעט, פארנעמט אין דער יידישער פאעזיע א גאר באזונדערן ארט. גראדעס קאנטורן האבן זיך שוין אנטפלעקט מיטן ערשטן „יא" און האבן מיט יעדן נייעם ליד = שטריך פארפ לקאמט, פארדייטלעכט און דערנענטערט דאס אימפאנירנדיקע געשטאלט פון א שטארקן דיכטער.

זיין שעפערישער סימן מובהק: דער אומיטלבארער, גליאיקער שטראם פון זיין ווארט, דער טיפער, קאסמישער תכלית = אימפעראטיוו און עקסטאטי= שער גלויבן אין מענטש און אין זיין, — דאס אלץ גיט צו זיינע לידער יענע געוואלדזאם דורכנעמענדיקע קראפט פון גבורותדיקן פאטאס — דער נאטור= געשענקטן, קרעאטיוון עלעמענט.

אין תלמוד געפינט זיך אן אינטערעסאנטע לעגענדע וועגן תחית=המתים: איין ביינדל איז דא אין מענטשלעכן קערפער („לוז"), וואס ווערט נישט צע= פוילט נאכן טויט, ווי דער רעשט ארגאניזם; פון דעם האזיקן ביינדל, לוז, וועט זיך אנהייבן די ווידערגעבורט פון מענטש.

אזא נביאיש = פאעטיש ווידערגעבורט = ביינדל איז דער ליכטיקער זונ= קערן פון אויסשטראלנדיקן גלויבן, וואס איז דער תוך אין די ווערק פון די נא= ציאנאלע דיכטער = אנזאגער, מכשרים (לויט דעם פוילישן „Wieszcz") אין זייערע אוז = ישיר = דיטירֹאמבן פון נאציאנאלן תחית = המתים.

כ'צווייפל צי ס'געפינט זיך א שמץ וואר אין דער באהויפטונג פון גע= ניאלן, היפּאכאנדרישן מאניאק, וויינינגער, אז „דער ייד צווייפלט אין זיין צווייפל"; פארקערט, עס איז אנצונעמען, אז דער „וויעשטש" = פאעט, וואס מזרח'ט מיט נאציאנאלן אויפגאנג, — גלייבט אויך אין זיין צווייפל...

א כאראקטעריסטישע אילוסטראציע צו דעם זענען די נביאים. אין סאמע מיטן פון זייער פארויסגעזאגטע פורענות = געוויטערס און חורבן = שטורעמס—

האבן זיי דאך געלאזט אויפבליצן דעם טרייסטנדיקן רעגנבויגן פון אויפלעבונג. חיים גראדע האט פון דעם ארון-קודש פון פאנאטיזם, וואס איז פאר אים מיט יארן צוריק געפאלן, באוויזן ארויסצוראטעווען די ליכטיקע אידיי-עסענץ פון א הארמאנישער באשאף-גראוויטאציע. די יחידישע און קאלעקטיווע חורבנות זענען, לויט דער יא-קאנצעפציע, נאר אירעגולערע „ווערבן”, וואס באשטעטיקן נאר די הארמאנישע אלגראמאטיק, דעם סדר-העולם, און נאטירלעכע אקסידענטן אין דער גרויסער לעבנס-באוועגונג.

די אינטואציע פון אמתע דיכטער איז אן עמפינדלעכער סייסמאגראף וואס פארצייכנט די ווייטסטע — אין דער צייט — אויפטרייסלונגען; דער דיכטער, וואס וואכט פאר דער אומה, שיקט אבער אויך ארויס זיין באפליגלט ווארט, ווי נח — דעם שלום-אויספארשער, די טויב...

גראדע האט פארצייכנט די ערב-שטורעם און שטורעם-אויפטרייסלונגען פון „סדום”, „וועלט 1934”, און שפעטער — אינמיטן פון דער קאטאסטראפע — „דער מיליאנען-קבר”, „חד גדיא” און אנדערע; ער האט אבער אויך די לידער פון נחמו-טאן: זיינען עקסטאטישע „אדעס צו דער זון” — קאסמישע הימנען. ער שטעלט אויף א שטראלנדיקן ליכט-פאנטעאן, ווו ער לאזט פאעטיש באלזאמירט די „זיידעס מיט די פלאקסענע, געדיכטע בערד”. ער פארזייט אין פאלק די העלדן-וויזיע פון די פאמירער „בארג-לייט”. זיין העל-בשורהדיקע אנגעלאדנקייט פארשטארקט ער נאר דורכן אקומולירן די גוואלדיקע הויך-שפאנונג, וואס שטאמט פון דעם דינאמישן ריז: ביאליק...

נאכגייענדיק דעם שעפערישן וועג גראדעס, קומט מען אויף די איינפלוס-שפורן פון עטלעכע גרויסע יידישע פאעטן. קולבאקס קינסטלערישער (און מענטאלער) דואליזם; זילבערנע למד-וואוניקעס — לונאטישע מעדיומס פון איין זייט, און ערד-פארווארצלטע טיפן פון דער צווייטער; האלפערנס וועלפיש-וואיען און בלוט-קאשמארן; יהואשס באפליגלטער, הארציקער אינטעלעקטואליזם.

גראדע האט אבער גאר גיך די אלע קינסטלערישע צופלוסן נייטראליזירט און אסימילירט אין זיין אימפעטיקן, זינגענדיקן שטראם, און זיין זינגענדיקן קרייזן דערנענטערט ער זיך אין דער דיכטער-קאנסטעלאציע — צומערסטן צו דעם ביאליק-שטערן.

ביאליקס העפטיקער לייבן-געבריל, זיין גבורה'דיק, זאפטיק ווארט און זיין העלדן-פאטאס איז אין אזא אדער אנדער מאס און פארעם, ווידערגעבארן ביי גראדען — אבער דער פאעט, וואס פאטאס איז פון די עיקר-עלעמענטן פון זיין שאפונג, באדארף אבער אפט אים דערגרייכן דורך דער קאלירפולער, אבער הארטער שאלעכץ פון סתם-ווארט.

גראד דעם איבערשטן טאן ביים זינגער דראט אפט אריינצופאלן אין א הייזעריקע כריפען. מיטן גלאט-שיינעם זאג זענען געשטרויכלט געווארן אפילו

גרויסע פאעטן און מאנכע זייערע שאפונגען. מליצה איז די צווייטע זייט פון אינספיראציאָנע; רעטאריק איז א באשטאנד = טייל פון פאטאס — ווי דאס שאלעכץ פון דער פרוכט. ווויי איז אבער, ווען דאס ווארט איז א שיין, ליידיק ניסל. אפטמאל איז דער ליטעראַרישער טאלאנט, ווי גרויס ער זאל ניט זיין, א פרימיטיווער און אומגעהויבלטער; דאס איידעלע מעטאל איז נישט אויסגעטיילט פון כאאטיש = הרעמלדיקן ערץ.

ביי גראדען, וואס פינקלט בליציק מיט בילדער און איז באזעלט מיטן אינספירירטן ווארט, איז אויך דא דער שטענז פון מגידות. און אין מאנכע פאלן, איז דאס גאלד פון זיין שווער אנגעלאדענעם און גלענצנדיקן ווארט — נישט אפגעטיילט פון פראזן = זאמד.

זייט ביי זייט מיט לידער — געמאסטן און געוווגן אויף דער פיינער קינסטלערישער וואג, זיינען דא ביי אים לידער, הגם מיט קראפט און אויסדרוק — דאך צעשווומען און כאאטיש. אפטמאל שאקירט גאר זיין שוין צופיל באנוצטער אופן פון בילדערישקייט. אין אזעלכע פאלן, ווערט גראדע אויס אינפירענדיק און מאכט דעם איינדרוק פון א געשיקטן ווירטואָז, וואס ציט אויגנס נאכן אנדערן פארביקע שורות, וואס גיסן זיך אבער נישט צוזאמען אין איין אינערלעכן טאָן.

דאס נישט צווימען פון די בילדער = כוואליעס איז אין מאנכע לידער גראדעס א בפירושער חסרון. עס באקומט זיך א פארקערטער רעזולטאט: ווען א ליד האט איין אדער עטלעכע געפרעסטע און געקיילטע בילדער, איז דאס עלול ביי אונדז ארויסצורופן אן אומענדלעכע ריי פון רעגונגען און פארשטעלונגען; ווען אבער א ליד איז אנגעפאקט, אנגעפראפט, בילד על גבי בילד — ווערט דאס אונזערע אויגן צוזאמענגעגאסן אין איין מטושטשדיקן פלעק.

עס דארף אבער גענומען ווערן אין באטראכט, אז גראדע געהערט צו די פרוכטבארע דיכטער, און ביי אזעלכע איז שכיח, אז צוזאמען מיטן פאעטישן געטראנק, גייט אויך מיט א ביסל שוים. ווי א רייכער גוט = באזיצער, דערלויבט זיך גראדע צו האבן א ביסל פארנאכלעסיקטע, זאמדיקע שטחים אין זיין גרויסן דיכטערישן ,,גוט".

עס איז צו האפן, אז די מוזעס, וואס האבן באוואכט און באוואכן זיין צוקאפנס, דער נביאיש = עקסטאטישער צאפל, וואס פיבערט פון אלע זיינע דיכטערישע פארן און די וויזיע = רייכקייט פון זיין באגייסטערטער בילדשפראך — זיי וועלן ווייטער באהיטן און באשיצן גראדען פון קינסטלערישער ,,סיטרא = אחרא" — דעם ווערסיפיצירטן מאמר...

די יידישע פאעזיע האט באקומען פון גראדען אזא רייכן אדערויף, אז זי האט, מיט רעכט צו דערוואַרטן פון אים פולן אויפבלי — גוואלטיקן קאפיטאל אין דער פארעם פון הויכווערטיקע אוצרות = ווערק, פארן דויער = סעיף פון דער יידישער ליטעראטור.

אינהאלט:

	ז״ז
מענדעלע	5 — 12
י. ל. פרץ	13 — 16
מ. מ. ווייסענבערג	17 — 22
יהואש	25 — 29
מ. ל. האלפערן	30 — 35
מ. נאַדיר	36 — 42
ה. לייוויק	43 — 50
י. גלאטשטיין	51 — 60
א. לעיעלעס	61 — 67
איציק מאַנגער	71 — 78
חיים גראַדע	79 — 92

[illegible] European
Command Civil Affairs Division, 14 May 1947 APO 757
A. G. 383.7 G. E. O. - A. G. O.

באמערקטע דרוק-גרייזן:

זייט	שורה	געדרוקט	דארף זיין
17	5 פון אונטן	כוהן גודל	כוהן גדול
18	19 „ „	האט געקעמפט	האָט באַקעמפט
19	11 „ „	שיחת חול:	שיחת חולין
22	13 „ „	אזוי ווידער	אַזוי ווי דער
38	5 „ „	גראַטעסהאַפטן	גראָטעסקהאַפטן
45	1 פון אויבן	היולעניסט	העלעניסט
47	4 „ „	סוף-ריזלענדיקן	טיף-ריזלענדיקן
52	18 „ „	כיזאַנסירונג	ניואַנסירונג
77	6 „ „	אין 39-טן יאר	אין 37-טן יאר
79	6 פון אונטן	געק שט	געקושט
82	2 פון אויבן	אן פאַנטאַסטישע	און פאַנטאַסטישע